STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04116

BOYRE MINE HALOYMES

M. M. Shaffir

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. מ. שאַפּיר

בורא
מיני
חלומות

מאָנטרעאַל, קאַנאַדע
1971

M. M. SHAFFIR

BOYRE MINE KHALOYMES

(Creator of Dreams)

POEMS

אַ דאַנק

אַ האַרציקן דאַנק מײַן טײַערן פֿרײַנד, דעם מדרש־פֿאָרשער שמשון דונסקי, וואָס ער האָט מיר, שוין צום פֿיפֿטן מאָל, געהאָלפֿן אין דער קאָרעקטור, און בײַם אויסיעטן נישט נאָר טיפּאָגראַפֿישע גרײַזן. איך וועל אים אָפּדינען אין פֿרײדן; איך האָף — אין גיכן.

מ. מ. ש.

Printed in Canada by
THE NORTHERN PRINTING AND LITHOGRAPHING CO.
Montreal, Canada
1971

לידער פאַרן שטערן־וואָגן

פיר מיך, חלום, פיר

איך שפּרינג אַריבער דעם פּלויט,
וואָס איז אַוועקגעשטעלט
צווישן דער איצטיקער וועלט
און דער עלמא־דקשוט.

צו פאַרפלויגענע יאָרן פלי איך צוריק;
וואוהין איך וויל, טראָגט מיך אַ ווינט.
די מאַמע איז נאָך אַ קינד,
און זי נעמט מיך אַריין אין איר פאַרטראַכטן בליק.

ווייז מיר, חלום, וואָס ס'איז געשען —
דאָס אויסגעטראַכטע אין דער וואָר.
אַזאַ גאָטגעבענטשטע פּאָר —
נאָר אין ליד און חלום קען מען עס זען.

פיר מיך, חלום, פיר —
כ'האָב ליב דיינע קלאָרע פאַרשטעלטע רייד.
איך גיי דיר נאָך פאַרחלומטערהייט
ביז צו דיין שטילסטער טיר.

דאָ ווערט פון מיין געשריי געוויין,
און דאָס געוויין שלאָפט איין, ווי אַ קינד אין דער וויג.
פלי דיר, חלום, צוריק —
ביי דיין שטילסטער טיר לאָז מיך איבער אַליין.

* * *

גאָרנישט ווערט פאַרפאַלן,
נישט אפילו רויכן פון די קוימענס —
און אוודאי גייען נישט לאיבוד
די חלומות.

אין בייטאָגיקן געפילדער מיינט מען:
איך וועל שרייען — וועט דער צווייטער הערן.
נאָר ס׳אַ ליגן; רעדט מען שטילער,
הערט דער צווייטער מערער.

און דער חלום רעדט צום שטילסטן —
קוים געהערטע ווערטער.
און די ווערטער זעט מען,
מערער ווי מע הערט זיי.

און ער שפּיגלט,
מערער ווי אַ טייך, אַ שטילער און אַ רונדער —
נישט אַזוי דעם באַרג, דעם גאַנצן,
ווי די טיפסטע זיינע גרונטן.

שאָטנס
קערט ער אום צוריק דאָס לעבן,
און ער וויל די ריסן מיינע
מיר צוריק פאַרוועבן.

* * *

רינט שוין אויס דער דנאָ פון מיינע יאָרן?
אָט־אָ ציִ איך אויס די האַנט — באַריר איך
אין זיכרון, ווי׳ן אַ שפּייכלער,
שאָטנס, וואָס איך קען זיי נישט פאַרלירן.

איך באַווייז מיך זייטיק, נישט אויף אָפּצוכאַפּן,
און בין באַלד אין זייער מיטן — — —
דעמאָלט איז נאָך דעמאָלט, דאָרטן — דאָרטן.
דאָס פּורענות האָט נאָך אויסגעמיטן.

שטילע בלענדענישן

פון אַ פונק געדעכעניש, וואָס טליעט,
ווערן שטילע בלענדענישן.
ווייטן צווישן דאָ און דאָרטן־דעמאָלט
נישטן — — —

ווי אויף אַ שיפּוע שטייען לייטן,
מיינסטנס פון מיין שטעטל —
ווער, מיט מזל, ס׳איז אַליין געשטאָרבן,
ווען ס׳האָט דער טיליקער פּאַרטיליקט, שפּעטער.

אַלע שאָטנס —
אָפּגעקלערט אין הויט־און־פלייש־לבושן.
מיט איעדן איינעם
וואָלט איך מיך געוואָלט צעקושן.

מיט איעדן איינעם, — ווייל דער תקיף,
וואָס ער פלעגט מיין טאַטן ז״ל דערגיין די יאָרן,
ער איז אין גיהנום ערגעץ, ווי סע קומט אים,
אין אַ טיפן גאָרן.

כ׳וויל זיין נאָמען נישט דערמאָנען,
אָסור!
מילא, וואָס איך בין, דאָס בין איך,
אָבער נישט קיין מסור.

שם במקום ארזים

אַז דער פעטער קלמן רופט מיך
פון דער ווייטנס מיט אַ פינגער —
ווייס איך אַז ער וויל, איך זאָל אים הערן
„שם במקום ארזים״ זינגען.

ווי דער פעטער זינגט דעם „שם במקום ארזים",
זינגט אים מער נישט קיינער.
אַ פאַרבענקטער טרויער
ריזלט אים דורך אַלע זיינע ביינער.

כ'קום צו נענטער —
שטייט ער שוין מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן,
אויסגעגלייכט אַ ביסל,
אויפגעבויגן.

כ'וויל אים זאָגן:
— „אַלץ דעם שם במקום ארזים . . . ווייסט איר דען נישט,
אַז אין ביינצן אַכט און פערציק —"
כ'וויל אים זאָגן, נאָר איך קען נישט

ר'האָט שוין אָנגעהויבן זינגען, קוים מע הערט אים.
ר'האָט בכלל אַ קול, אַ צוגעשלאָגנס.
ווינציק עולך זיינע דינע פּלייצעס
צו דערטראָגן?

נאָר דער ביטערסטער פון אַלע
איז דער עול־הגלות.
אוי, וואו נעמט מען כוחות
אויסצוחלומען דעם ציון־חלום?

צווישן די באַקענטע שורות
הער איך אים די טרערן שלינגען —
און דער קנאָפּ אין גאָרגל
הערט נישט אויף דערפון צו ציטערן און שפּרינגען.

דאַכט זיך, אַט פאַרפעלט אים אָטעם,
ער וועט מוזן אין דער מיטן איבעררייסן.
נאָר די שוואַכסטע כוחות
קענען שטאַרקער זיין פון אייזן.

אָפּגעזונגען —
זיפֿצט ער אָפּ אַ מידער.
„מ׳האָט נישט קיין רחמנות
אויף אַמאָלעדיקע לידער.״

ער פֿאַרטראַכט זיך אויף אַ רגע
און פֿאַרדרייט זיך אַ ציגייער:
— „האָסט געהערט מסתמא פֿון אַ דיכטער
מרדכי־צבֿי מציר.״

(און די כף אין „דיכטער״ איז אַ דייטשע,
ס׳הייסט: אַ ווייכע —
און דעם פֿעטערס פּנים
ווערט דערפֿון נאָך בלייכער.)

„ער איז נעבעך יונג געשטאָרבן —
דאַכט זיך, פֿון טשעכאָטע.
די נשמה זײַנע
איז געווען פֿון שירה אויסגעקנאָטן.

שטיל געלעבט און שטיל געשריבן.
וואָס באַדאַרף מען שרייען?
שמש־אָביב נטה ימה
עד לקצות שמים . . .

ס׳הייבט דיך אויף און גיט דיר פֿליגל —
פֿלי דיר . . .
זײַ מיר מוחל —
נישט די הײַנטיקדיקע לידער.

מיר באַגעגענען זיך אָפּטלעך
אין די הימלישע אַלייען.
כ׳וויל אים זאָגן, אַז כ׳האָב אויך אַ מאָל געשריבן —
גייען מיר אין צווייען.

איך האָב שוין אַ פּאָר מאָל אָנגעהויבן:
כ'וואָלט איך וועלן עפּעס פרעגן —
אמת, אַז איר זענט דער גרויסער מאַנע,
אָבער פרעגן, דאַכט זיך, מעג מען.

אָך, מיט פאַרגעניגן, זאָגט ער,
לאָמיר זיך אַנידערזעצן דאָ אין שאָטן.
אָבער תיכף
ווער איך ביי מיר בטל.

מילא, פרעג איך דאָרטן עפּעס,
איך פאַרדריי אַ מעשה —
נאָר דאָס פּעקל לידער
קען איך אים נישט ווייזן.

עט, אַ צווייט מאָל, טראַכט איך.
אפשר וועל איך דעמאָלט זיין אַ בעלן.
נאָר אין האַרצן ווייס איך:
ס'איז פאַרפאַלן . . ."

און דער פעטער גיט אַ הייב דאָס בערדל:
„וויפל וועל איך שטיין און מאָלן?"
און פאַרשווינדט באותו רגע,
ווי אין מיטן חלום . . .

הערשל גאַרבער

אָט איז הערשל גאַרבער,
קליין און איינגעהויקערט און אַ גרויסער ענוו;
אַלע האָבן אים גערופן
„הערשל זנב".

ביי דער הויכער שמונה־עשרה,
אַז ער האָט אַ מאָל געדאַוונט פאַרן עמוד —
פלעג אים נעבעך זיך די צונג פאַרפּלאָנטען
ביים שים־שלום — תמיד.

פון שים שלום טובה וברכה
ח״ת חן וחסד — איז געוואָרן
עפּעס דאָרט אַ קאַשע,
וואָס מע זאָל שוין גאָרנישט זען אַזאַ מין צאָרן.

ר׳איז אַריין אין אַט דער קאַשע
און האָט נישט געקענט אַרויס באין שום אופן.
יינגלעך הערן: הערשל דאַוונט פאָרן עמוד —
קומען זיי צו לויפן —

און מע וואַרט אויף זיין שים שלום,
ווי אויף אַ טעאַטער —
הייבט ער אָן צו זאָגן און פאַרהאַקט זיך,
איין מאָל, צוויי מאָל, דריי מאָל, ביז ער ווערט פאַרמאַטערט.

צווישן קליינוואַרג פלעגן זיך פאַרקלייבן
אויכעט באַלעבאַטים, לצים —
פון קאַטאָוועס וועגן
זיך מיט אים אַ ביסל רייצן.

דער געלעכטער פון די קינדער
פאַלט אויף אים ווי שטיינער —
שטייט ער און סע רינען פון אים אַנגסטן,
און סע זעט עס גאָט אַליין נאָר.

אָבער נאָכן דאַוונען
זאָגט ער קיינעמען, חלילה, גאָרנישט.
עמעצן פאַרשעמען?
גאָט באַהיט! מע טאָר נישט.

איצטער שטייט ער און ער ציקלט דעם שים־שלום,
ציילט די ווערטער ווי די פּערל — אַזש זיי קלינגען,
און מע סטאַמפּעוועט אַרום דעם עמוד,
און מע הערט נישט אויף צו לעקן זיך די פינגער.

צוויי מומעס

און אויף איינעם פון די שענצטע שטולן
זיצט די מומע פרומע —
ווייל זי האָט דאָס גאַנצע לעבן אָפּגעפּינצטערט,
אָפּגעאומערט.

דינסטן קומען צו און פרעגן:
אפשר וויל זי עפּעס?
יאָ, מע זאָל די שווערע הימל־פירהענג
— וויפל נאָר מע קען — פאַנאַנדערשלעפּן;

אין אַ רגע, זאָגט זי,
וועט זי גיין ראָשטשיִנען —
ווייל זי פון דער ווייטנס זען די קינדער אירע,
און זיי גריבג געפינען.

זאָגן איר די דינסטן:
אָך, מיט פאַרגעניגן.
נאָר זיי הערן ווי ס'ע נעמען זשומען
צוויי, דריי פליגן.

הייבן זיי זיי אָן צו טרייבן,
יאָגן —
אַז די מומע פרומע
זאָל זיך אויף דער מינדסטער זאַך נישט דאַרפן קלאָגן.

* * *

און די מומע מרים
האָט זיך ווינציק אָנגעליטן?
צווישן אַ געזעמל צידקותדיקע נשים
זיצט זי אין דער מיטן,

און זי קלויבט געשריבענע פּאַסאָליעס —
מאָרגן מירטשעם קומען עסן,
צון אַ סעודת־מצווה,
אַלע שיינע יידן פונעם געסל.

דער זיידע הערשל

אַט — — — דער זיידע הערשל שוחט
שלעפּט זיך אויף זיין פערד־און־וועגעלע געלאַסן
צווישן די צעזייטע יידישע רענדאַרן —
שעכטן דאָ אַן עוף אויף שבת, דאָרט אַ גסה.

ר'איז נאָך גאָר און גאָר אַ יונגערמאַנטשיק —
צו די פופצן יאָרן איז ער שוין אַ טאַטע.
ר'האָט אַ ווייבעלע און דריי באַטעמטע יינגלעך,
און ער וואוינט אין האַטנע.

נייך, אין האַטנע איז נישט שלעכט צו וואוינען.
ס'וואוינען דאָרטן נאָך פיר יידישע געזינדן,
נאָר די באָבע מוז, ווי נאָר סע נעמט פאַרנאַכטלען,
אין אַיעדן אַלקערל אַ לעמפל צינדן.

און זי זיצט אין אָנגעטועכץ
און זי דומעט דורך די נעכט אַ וואָכע.
ביז דער זיידע קומט אַהיים אויף שבת —
שטאַרבט זי שיר נישט יעדע נאַכט פאַר פחד.

און פון וואַנען קומט דער פחד?
מעגט איר הערן:
איין מאָל
גייט די באָבע שלאָפן און זי'ז געֶרן

וואָס די יינגלעך שלאָפן
און מע דאַרף דעם יינגסטן מער נישט וויגן, הוידען —
פלוצעם הערט זי קלאַפּן, לויפן
אויפן בוידעם.

האָט זי זיך אויף טויט דערשראָקן,
און געגומען שרייען אויף די העכסטע קולות:
— אוי, בישט גוטע!... ווי מיין לעבן!
ראַטעוועט די קינדער מיינע, מענטשן וואוילע!

פון די קולות
האָבן זיך די ייִנגעלעך גענומען וועקן,
און דאָס גאַנצע דאָרף איז זיך צונויפגעלאָפן,
פון די ווייטסטע עקן.

זוכט מען אויפן בוידעם,
און מען קערט אים איבער —
ווייס איך!
מ׳איז אַנטלאָפן שוין אַכיבע . . .

קומט אַהיים דער זיידע ערב־שבת —
לאַכט ער:
נשים מיט די פוסטע מעשות!
אויסגעדאַכטעכץ!

און די באָבע גייט אַרום איך איינע פּחדים,
און האָט מורא גאָר אַ וואָרט צו זאָגן.
און אַט זונטיק לאָזט ער זי שוין ווידער איבער;
זי׳ט עס נישט אַריבערטראָגן . . .

ביזקל איין מאָל מוצאי־שבת,
ס׳איז שוין צייט געווען צו גיין זיך לייגן —
אויך דאָס עופעלע איז איינגעשלאָפן
ביי דער ברוסט, אין מיטן זייגן —

און דער זיידע
זיצט און קנעט אַ שטיקל חלה אין די פינגער,
און ער ברומט זיך צו אַ ניגון,
וואָס ער האָט נישט לאַנג געהערט ביים רבין זינגען;

פּלוצעם הערט מען פונעם בוידעם
אַ געקלאַפּעריי מיט אַ געצישעו —
גיט די באָבע אַ געשריי און פאַלט חלשות,
נאָר דער זיידע גיט אויף איר אַ רעווע: אשה!

אַז ר׳האָט קוים די באָבע אָפּגעמינטערט,
און זי האָט זיך אויסגעווישט די טרערן —
זאָגט דער זיידע:
— גיב מיר אַ לאַמטערן . . .

וואָס זשע איז געווען די מעשה אויפן בוידעם?
נו, אַ קאָטער האָט אַריינגעשטופּט דאָס קעפּל
אין אַ קריגל מיט אַ שמאָלן העלדזל —
און עס נישט געקענט אַרויסדערשלעפּן . . .

איז ער נעבעך אומגעלאָפן אויפן בוידעם
און געמאַכט געוואַלדן —
און דאָס קריגל
האָט זיך נאָך אים נאָכגעוואַלגערט . . .

דאָס פּוטער-יידל

אָט-אָ גייט דאָס פּוטער-יידל,
וואָס די שקצים האָבן אים דעם קאָפּ צעשפּאָלטן,
און אים אויסגעפּליקט דאָס בערדל,
וואָס ער האָט עס נישט געוואָלט באַהאַלטן.

פלעגט ער קומען פונעם דערפל
אָנגעהונקען,
און דאָס פּנים מיטן קאָפּ פאַרבאַנדאַזשירטע,
אַז די אויגן האָבן נאָר אַרויסגעוואונקען.

אַיצטער גייט ער
אָן דער מינדסטער מורא,
און ער טראָגט פאַנאַנדער און ער לייזט מזומן,
ביזן לעצטן ביסל מילעכדיקער סחורה.

די מומע אסתר

אין די הענט אַן אײַנציק בלעטל שמ״ר,
זיצט די מומע אסתר, וויגט זיך אַ פּאַרוויינטע.
אין די ברילן — ביידע שייבלעך אויסגעזעצטע,
אָבער זי׳ט נישט ליי׳נען אַנדערש: — אַ געוויינשאַפט.

„מומע, איר האָט דאָך שוין אויסגעוויינט זיך נעכטן
ביי אַט דער אַ מעשה...״
„לייענען און דערביי נישט גיסן טרערן —
דאַרף מען זיין פון אייזן.״

דאָס צעפליקטע ביכל שמ״ר
האָט די גאָטעסמאַנעכע געברענגט פון קאַירא.
און ביי איר האָט זיך די מומע אויסגעלערנט
רייכערן ציגייערן.

אָפּטלעך זעט מען
ווי די ביידע גוטע שכנות
האַלטן אין די הענט דאָס איינע ביכל
און מע וויגט זיך און מע לייענט עס אין איינעם.

אָבער אַז מע רייכערט ביידע איין ציגייער,
די אַ צי און די אַ צי, בסוד, אין שטילן —
ווייסן אַלע,
נאָר געזען האָט עס נאָך קיינער נישט, חלילה.

„נעם און לייען עס —
שטיינער קען עס רירן.
ווער זאָל זיך געוווען דען ריכטן,
אַז דער חתן איז אַזאַ פּאַרפירער?!״

אויף די דרויסנדיקע טרעפּלעך זיצט זי,
ס׳איז אין תמוז.
„אַט אַזוי אַ טרייבט מען עס אַליין אין קבר
טאַטע־מאַמע״.

„אָבער כ׳קען דאָך שוין אָט באַלד די גאַנצע מעשה.
מומע אסתר.״
גיט זי זיך אַ צאַפּל,
און פאַרגעסט זיך.

פליט פאַרביי און גיט אַ פלאַטער
עפּעס דאָרט אַ פויגל —
קוקט זי באַך און נעמט זיך וויגן,
און זי נעמט פון אים נישט צו די אויגן:

„די סאַראָקעס און וואַראָנעס
האָבן זי געוואָרנט —
הער, וואָס טאַטע־מאַמע הייסן!
זאָלסט מיט אים נישט פאָרן!

הער נישט זיינע ריידעלעך, די קלוגע,
קוק נישט אויף זיין שמאָכעניו, דעם שיינעם —
זאָלסט דערנאָך נישט דאַרפן, טאָכטער,
גאָט זאָל היטן, וויינען . . .

ווער זשע פאָלגט דען,
אַז די אייער זענען קליגער פון די הינער?
— ס׳טייטש, ער רעדט דאָך אַזוי איידל,
און ער זאָגט, ער איז אַ ווינער . . .

אוי, געוואַלד געשריגן!
דאָס האָט מען געלערנט פון די דייטשע סריכלעך . . .
וואו זשע האַלט איך? . . . יאָ, דער שיינער בחור
הערט דערוויל נישט אויף צון איר צו קריכן.

וואָס איז דאָ צו רעדן?
ווערסט אַליין שוין לייענען.
אוי, ווען נישט איר ברודער
ווייסט מען היינט אפילו נישט וואו איר געבליין איז״.

„איר זאָלט מיר געזונט און שטאַרק זיין,
מומע אסתר —"
„מיינסט, דער שיינער בחור
האָט זיך נישט אויף אים געוואָרפן מיט אַ מעסער?

אָבער אויף צו מאָרגנס
איז ער אויסגערונען —
און די קאַזע, ווי די טאַטע־מאַמע,
האָט מען אויך שוין ניט געפונען.

אין אַ צייט אַרום קומט אָן פון איר אַ שרייבן:
ר'איז מיט איר אַנטלאָפן — כ'שעם מיך אויסצוזאָגן —
נו, קיין בונעסיירעס . . .
קענען טאַטע־מאַמע דאָס איבערטראָגן?

איז דער טאַטע — ליי'נענדיק דאָס בריוול —
אויפן אָרט געווען דער ערשטער קרבן,
און די מאַמע האָט גענומען צאַנקען
און צום ערשטן יאָרצייט איז זי נאָכגעשטאָרבן . . ."

און די מומע אסתר גיט אַ כאַפּ דאָס פאַרטעך,
ווייל די טרערן הייבן זיך איר אָן צו גיסן,
אַ פאַרשטיקטע און אַ כליפּעדיקע
קען זי מער נישט רעדן: „לייען, ווען וועסטו וויסן . . ."

צוויי מטושטשע געשטאַלטן

אין מיין שטעטל, ערגעץ אין די קינדעריאָרן,
האָט אַ פּליאַטקע ווי אַ באָמבע אויפגעריסן:
איינע פון די קאַלעך־מיידלעך, די האַרבאַטע,
טראָגט אַ ממזר: — אוי, מע זאָל דערפון נישט וויסן! . . .

ס'איז געוואָרן אַ געלאַף מיט אַ בהלה,
מיט אַזאַ געפּילדער —
ווי סע וואָלט אַראָפּ אין מיטן העלן דרויסן
אַ פאַרפלייצעניש, אַ וואָלקנבראָך, אַ ווילדער.

מ׳האָט צעשפּרייט די פּאָלעס — און געפלויגן,
מ׳האָט פאַרקניפּט די טיכלעך — און געלאָפן,
ווי בײַ איטלעכן אין שטוב, בײַ אים אַליין גאָר,
וואָלט זיך עס געטראָפן.

— „וווּ?״ — „פון וועמען?״
ווער ס׳האָט גאָט אין האַרצן קומט און וויל עס וויסן.
מ׳האָט נישט אײן פּאָר שקראַבעס
אָט אין יענער וואָך צעריסן.

ביז מ׳האָט קוים אַרויסבאַקומען פון אַ שוועסטער:
ס׳איז פון הודן, דעם רויטן.
— „אמת״ — נאָר דאָס מיידל ענטפערט גאָרנישט,
זי באַהאַלט זיך אין די שמאַטעצויטן.

אַלע וויסן, אַז די דאָווידעכע
ליגט געליימט שוין וויפל יאָרן, לא עלינו,
און אַז דוד גייט אַרום און קלויבט נדבות —
ווייטער ווייסט נישט גאָרנישט קיינער.

נאָר די קאַלעך־מויד איז, דאַכט זיך, גאָר אַ שטילע,
איינע פון אַ שטוב מיט מיידן בלייכע —
צווייטנס, ווען האָט עס דער הייזער־גייער
גאָר געקענט צון איר דערגרייכן?

— „וואו איך האָב אַ שונא . . .״
— „מע זאָל אָ׳געהיטן ווערן!״
— „ס׳איז שוין איין מאָל וואויל דער מאַמען, דער אלמנה —
וואָס איז דאָ צו קלערן?״

— „נו, אוודאי — וואָס איז דאָ דער חידוש,
אַז סע טרעפן זיך אַזעלכע זאַכן?
ס׳איז דען דאָ אַ טאַטע,
ער זאָל וואַכן?״

— „מאָל דיר, אַז סע דאַרף זיך טרעפן,
העלפט אפילו נישט קיין טאַטע״.
און מ׳האָט אָנגעהויבן צו דערגיין די יאָרן
דודן און דער האָרבאַטער.

דוד, דער פאַרצרהטער, דער שווייגער,
איז פאַרשטומט געוואָרן איצט אין גאַנצן.
יינגלעך פלעגן צון אים שרייען: „חמור־אייזל,
מירטשעם אויפן ברית וועט מען שוין טאָפל טאַנצן . . .״

באַלעבאַטים פלעגן אים אין גאַנצן מיידן,
און מ׳האָט שטילערהייט געבּרענט די טריט אים.
פונעם קלענצטן ביזן גרעסטן
איז נישט אָנגעשטאַנען רעדן מיט אים.

ער פלעגט אומגיין איינגעדרייט אין דרייען,
ווי אין זיך אַליין באַגראָבן.
אָן אַ פינטל מיטן אויג אפילו
האָט ער צוגענומען אַלע גאָבן.

ר׳האָט נישט מער געטאָרט קיין שוועל אַריבערטרעטן
נאָכן גרייצער, צי אַ רעפּל ברויט דאָרט.
מ׳האָט עס אים אַרויסגעגעבן דורכן פענצטער,
צי אַריבער פלויטן.

יאָ, געוועזן אויך שטיבער,
וואָס ער האָט געוואוסט: אַהער צו מעג ער קומען;
פלעגט מען ביי אַ ווינקל טיש אים עפּעס געבן,
האָט ער אָפּגעגעסן און אַוועק — אַ שטומער.

און דאָס מיידל, ווידער,
האָט זיך אויפגעהערט אין דרויסן וויזן.
אויסצוהערן אַלע ווייבערישע טענות —
דאַרף מען זיין פון אייזן.

ייִנגלעך פֿלעגן זי פֿאַרהוקען
און איר נאָכגעוואָרפֿן שטיינדלעך.
זי זאָל קענען, וואָלט זי זיי צעקרישעט
איטלעכס ביינדל.

פֿושקע־גבאיטעס, נישט איין מאָל,
פֿלעגן איר אין אויער שיפּען: חצופֿה . . .
זי האָט זיך געמאַכט: זי הערט נישט,
און זיך גאָרנישט אָנגערופֿן.

זי זאָל מעגן —
וואָלט זי זיי אין פּנים אָנגעשפּיגן:
— אַ מהומה זאָל אייך טרעפֿן,
זלידנע פֿליגן.

וואָס דער סוף פֿון אָט די צווייען איז געווען —
ווייס איך מער נישט.
נאָר זיי ווייזן זיך מיר תּמיד
אין די שטערן.

צוויי מטושטשע געשטאַלטן זע איך,
האַלטן זיך אַרומגענומען —
צוויי מטושטשע געשטאַלטן,
שטומע.

און אין דרימל מיינעם,
— ווי איך וואָלט זיי צוגעצויגן —
שענקען זיי מיר תּמיד
די אַראָפּגעלאָזטע אויגן.

אמת,
שווערע קרוינען זע איך זיי נישט טראָגן,
אָבער דינע איידלע קריינדלעך —
אַלע מיינע ליבע זאָלן עס פֿאַרמאָגן.

איצטער זענען זיי דאָרט מאַן און ווייב שוין,
און זיי האָבן שוין צוויי שיינע מוידן.
די מלאכים דרייען אויס די שטערנס,
אָנצוקוקן זייערע געטאָקטע קנוידן.

* * *

נאָך אַזעלכע עטלעכענע פּאָרלעך
וואוינען דאָרט אין שכינות —
יעדן מוצאי־שבת ביי אַ צווייטן
קומט מען זיך צונויף צו טרינקען טיי אין איינעם.

ווי מע הייבט זיך אָבער אָן דערמאָנען
וואָס מ׳האָט עס אַמאָל זיך אָנגעליטן —
הערט מען תיכף ווי מלאכים־כאָרן
מישן זיך אַריין אין מיטן . . .

אין אַ צווייטן ווינקל הימל,
בלויז אַ צוויי, דריי שטערנגאַסן ווייטער,
וואוינען נאָך אַזעלכע פּאָרלעך,
וואָס מע קען זיי ווינציק, אָבער: — „פיינע לייטן".

אָט, למשל, אין אַ מאָנאַסטירל,
צווישן דעמבעס — ריזן,
וואוינט אַ פּאָרל, וואָס מע קען נישט זייער לשון,
נאָר מע ווייסט: ס׳איז אַבעלאַר און העלאָיזע.

און אין שכינות וואוינט אַ פּאָרל —
רק מע האַלדזט זיך און מע קושט זיך אין די פּיסקלעך.
איידלע מענטשן; כאָטש דאָס לשון איז משונה,
קען מען זיי — ס׳איז פּאַולאָ און פראַנטשיסקאָ.

און אַזוי אַ גאַנצע אוליצע מיט שטיבלעך —
עפּעס מאָדנע מענטשן, נאָר ווי טויבנפּאָרן.
קיינער האָט מיט זיי נישט וויפל אונטערן נאָגל,
כאָטש מע וואוינט אין שכינות שוין אַזוי פיל יאָרן.

די מויד, די שיינע

און אַט־אָ איז דאָך די מויד, די שיינע,
פונעם טשערנאָוויצער ווינצערגעסל —
וויי, ווי קען מען
אירע געגנג פאַרגעסן?

אַלע פרויען פונעם קוואַרטל
וואָלטן אין אַ לעפל וואַסער זי דערטרונקען:
אוי, צו וואָס האָט דער פון אויבן אַלע חנען
אָט דער איינער מויד אַוועקגעשאָנקען?

אָטעם פלעגט פאַרפעלן,
אַז מ׳האָט זי געזען שפּאַצירן און זיך וויגן,
און דאָס לידל, וואָס מ׳האָט וועגן איר געזונגען,
האָט געהאַט אַ ביטערזיסן ניגון.

ווער איז זי? פון וואַנען קומט זי?
מ׳האָט זיך נאָר געשטויסן.
יאָ, דער טאַטע — ווייסט מען —
איז אַ קבצניוק, אַ גרויסער.

האָט ער זי געשיקט, אַז זי זאָל זוכן אַרבעט
אין די טשערנאָוויצער טריקאָטאַזש־פאַבריקן —
און אַז זי וועט קענען און וועט וועלן, מעג זי
עפּעס פאַר דער שטוב מיט קינדער שיקן.

סיי ווי, יעדן דינסטיק, קעגן נאַכט צו,
פלעגט פאַרפאָרן פאַר איר דירה אַ פיאַקער,
פלעגט זי זיך באַווייזן אַ פאַרפוצטע,
און די שיינע קודלעס האָבן איר געפלאַקערט.

צוויי סאָלדאַטן האָבן זי גענומען —
און צו מאָרגנס זי געבראַכט צו פירן
פון דער הערנגאַסע,
פונעם הויז פון ד׳אָפיצירן.

נאָר איר שיינע שיינקייט
האָט דערפון נישט אָנגעוואוירן.
אַז מ׳האָט זי געזען שפּאַצירן און זיך וויגן,
האָט מען באַלד דערפילט: דאָס בלוט נעמט יוירן.

און די ווייבער פונעם קוואַרטל
וואָלטן אין אַ לעפל וואַסער זי דערטרונקען:
אוי, צו וואָס האָט דער פון אויבן אַלע חנען
אַט דער איינער מויד אַוועקגעשאָנקען . . .

דער ליפּאָוואַן

אַט גייט אום אַ ליפּאָוואַן, באַוואָקסן,
מיט אַ קוטשמע און מיט הויכע שטיוול —
ר׳האָט אַמאָל געבראַכט מיט זיך, אין אַרבל,
פון דער שאָצער סאַדעגורער קלויז אַ בריוול:

אין א פראָסט, אין אַ געוויכער,
ס׳האָט געבראָכן בייִנער,
וויל מען דאַוונען מנחה־מעריב —
פעלט נאָך איינער.

אין אַזאַ געוויכער —
וויפל קען מען האַרן?
פלוצעם רייסט זיך אויף דאָס צפון־טירל,
וואָס מ׳האָט מיט אַ טיש געמוזט פאַרשפאַרן —

גיט אַ יאָג אַריין אַ ווילדע כמאַרע,
נאָר זי ווערט אין דער מינוט צעגאַנגען,
און מע זעט, ס׳איז דאַנקען גאָט שוין דאָ אַ צענטער,
אַ באַפעלצטער און מיט סטראָמפּאַליעס באַהאָנגען.

וואַרט מען שוין אפילו נישט קיין רגע,
און מע נעמט זיך דאַוונען, מע יאָגט זיך.
אָפּגעדאַוונט — גייט מען צו, מע גיט אים שלום,
מאַכט ער: „טשטאָ?״ — און ווייס נישט וואָס מע זאָגט אים.

ר׳האָט זיך אָנגעוואָרעמט און געזאָגט: „דאָבראָנאָטש!״
און אַראָפּגערוקט דאָס פּוטער־היטל.
און די יידן זענען ווי געבליבן
עפּעס אין דער מיטן.

די שטילסטע פון אַלע שטילע

פון די שאָטנס ציען נאָפּלשנורן
גלייך צו מיינע חושים.
כ׳בין אַן עובר,
אָבער נישט אַן זינד און נישט אַן בושה.

כ׳קוק מיר אויס די אויגן,
כ׳זאָל געפינען
יענע טאָכטער,
וואָס זי קען מיר נישט אַרויס פון זינען.

ווען זי זאָל זיך ווייזן,
וואָלט איך ווייס איך וואָס באַגאַנגען —
איך וואָלט זי אַרויסגעצויגן
פונעם לאַנד פון שאָטנס און פון זיינע צוואַנגען.

כ׳וואָלט געליגנערט,
ערגערס נאָך אפילו —:
— מוזסט מיט מיר אַנטלויפן,
שטילסטע דו פון אַלע שטילע.

ווען כ׳האָב דיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט —
האָב איך אָנגעהויבן דאַרבן.
און זינט דעמאָלט, אין דער בענקשאַפט,
פיל איך יעדע שעה דעם טעם פון שטאַרבן

אָבער כ׳רעד אַריין ווי אין אַ פּוסטן חלל
מיינע טויבע ווערטער — — —
אויף אַ נעפּל הייב איך אָן אַוועקצושוועבן
פון מיין דרימל און פון זיינע חלום־ערטער.

דאָס פערדל

אויף אַ הימל־לאַנקע,
צווישן צוויי פאַרקלערטע קוואַלן,
פּאַשעט זיך אַ פערדל, מיט די פיס אַרויף צו —
און דערמאָנט שאַגאַלן.

אַז דאָס פערדל
האָט די היגע וועלט פאַרלאָזן,
זענען זיינע אויגענעס געוואָרן מילדער
פון די אויגן פון אַ קו, צי פון אַ קאָזע.

איך געדענק נאָך
ווי מע פלעגט עס שמייסן,
און מיט פּרוטיעס
פּשוט פון אים שטיקער רייסן.

איין מאָל איז עס אומגעפאַלן אין אַ בלאָטע,
וואָס זי האָט שוין אָנגעהויבן פרירן —
האָט מען עס גענומען טלימען
ביז ס׳האָט מערער נישט געקענט זיך רירן.

נאָר די יוכע אין די רוצחים
הערט נישט אויף צו ברענען.
ס׳איז נישט נאָכצוזאָגן,
וואָס רשעים קענען.

אויף אַזאַ מין פערדל,
זאָגן גוטע לייטן,
וועט מען זען אין גיכן
דעם בן־דוד רייטן . . .

(אַ טרער אויף דער „שטרומאַ״)

(אַ מתנה מײַן „עלטערן ברודער״,
דעם ח׳ יצחק פאַנער, המת־גן)

אַז מ׳האָט מער שוין נישט געזען די „שטרומאַ״
און אַ וואָלקן האָט איר גרוב פאַרדעקט —
האָט דער ים געגומען שטורעמען און ברומען
ווי ער וואָלט געוואָלט אַנטלויפן פון זײַן ברעג.

אַלע שליוזן האָבן זיך צעבראָכן,
אַלע שלעסער אין דער טיפעניש,
און די תהומען האָבן אָנגעהויבן קאָכן,
און די בראשיתדיקע ברעגן אָפּגעווישט.

און די כוואַליעס האָבן ווי כלי-זיין
אָנגעהויבן פאָכען, שניט אויף שניט,
וואו אַן אָפּגרונט — האָט ער אָנגעהויבן שפּייען,
ווי וואולקאַנען וואָלטן זיך אין אים צעגליט.

אינעם חושך וואַרפן זיך די כוואַליעס
ווי די ווייסע בליצן צו דער הייך —
ווי דעם הימל וואָלטן זיי געוואָלט צעפּראַלן,
ווען זיי וואָלטן אים מיט זייער כעס דערגרייכט.

דער געדריי פון כוואַליעס און פון שטורעם
רודערט־אויף די רוימען און די ערד.
ס׳איז שוין מער נישטאָ קיין סדר אין דער בורע —
אַלץ האָט זיך צום תוהו־בוהו אומגעקערט.

* * *

ווינטן וואָיען. ווילכערס רייסן וועלטן.
ווייטע, וויסטע פעלדער ליידיקייט.
אַנדערש נישט, אויף אייביק וויל איצט גאָט פאַרשעלטן
עמעצן, מיט זיינע דונערדיקע רייד.

אין דער ווייטנס שטייט אַ בוים און וויגט זיך,
כאָטש ער איז שוין אַלט און אייביקייט.
שטיקער רייסן אַלע שטורעמס אָנגעשיקטע,
נאָר דער שטאַם מיט זיינע צווייגנשטאַמען שטייט . . .

כמאַרעס — וויפל ס׳קען דאָס אויג דערלאַנגען — — —
אינעם שטורעם הערט זיך אַ געוויין,
נאָר פאַרפרעסטע ליפּן האַלטן עס אין צוואַנגען,
און סע צאַמען עס צונויפגעקלעמטע ציין.

עמעץ קען פאַר פּחד אַזש בּישט שרייען,
בלויז פאַרשטיקטע זיפצן הערט מען: העלפט . . .
הימל, ערד און דומם האָבן זיך פאַרטאַיעט:
הערן אינעם ווינט אַ היילן ווי פון וועלף.

פון דער ווייטער טיפנס יאָגט זיך עמעץ
באַלכסון און מיט דולע הענט.
ס׳איז אַ פרויאישע געשטאַלט — זי זוכט עס ווּעמען:
דער געיאָמער פון דער קלעם איז איר באַקענט.

זי לויפט אום הינהער — און נישט ווי פייגל,
וואָס זיי פליען גלייך, וואוהין זיי ציט.
וויפל נאָך קען זי זיך דאָ אין דרייען בייגן,
אַז די שטורעם־פרוטיע קאַטעוועט און בריט?

ווער האָט אַזאַ צאָרן אויסגעגאָסן
אָט אויף דער צעריסענער האַלבנאַכט,
וואָס איז פינצטער, ווי סע וואָלטן אַלע חצותן
זיך אַהער צוליב אַ סוד צונויפגעבראַכט —?

אוי, פון וואַנען קומט עס דער געיאָמער?
אָט, ער קומט דאָך, דאַכט זיך, מיטן ווינט.
מוז זי לויפן קעגן ווינט און זיינע שטראָמען —
כאָטש ער רייסט פון איר דאָס קלייד ווי טשאַטעס הינט.

— „רחל טאָכטער, זאָג וואוהין דו גייסט עס —
ס׳איז דאָך נישט די שעה פון האַלבער נאַכט,
און דו ביסט נישט אויפן וועג צום ירדן — ווייסטו ?
עמעץ האָט דיר פרי דיין קבר אויפגעמאַכט.״

רחל גיט אַ ציטער און אַ צאַפּל,
און זי מיינט, אַז אָט האָט זי באַגליקט.
זי צעשפּרייט די הענט, דעם פריינד אַרומצוכאַפּן:
— „אליהו פּעטער, גאָט האָט דיך געשיקט ;

עמעץ האָט דעם שלאָף אין מיר צעריסן
מיט געכליפּע און געוואַלד־געשריי —
אָט ווי אַ געוויינעריין וואָלט זיך געביסן
שטיקער פון איר אייגן לייב אין גרעסטן וויי.

זאָג, וואו בעמען זיך אַזעלכע ווינטן,
און וואָס ציט עס מיך אַזוי צום ים?
וואָס פאַר אַ געיאָמער טראָגן עס די אינדן,
וועמעס ווילדע אַנגסטן האַלטן זיי אין צאַם?

עמעץ ראַנגלט זיך און עמעץ בעט זיך.
מיך האָט קיין מאָל נישט געוועקט, ווי איצט.
איז שוין נאָכן ראַנגלעניש ? האָב איך פאַרשפּעטיקט?
האָט שוין דאָרטן אָפּגעדונערט, אָפּגעבליצט?״

— „רחל טאָכטער, פרעג מיך בעסער מער נישט.
אויב דיך ציט צום ים, איז וואָרט נישט אויס —
ס׳האָבן דאָרט זיך אויסגעלאָשן אַלע שטערן,
און די בראָך איז, ווי מיר, ביטער־פינצטער גרויס.״

טעמנע איז. די ערד איז אויפגעיווירן.
ביז די קנעכל זינקען אירע טריט.
זי האָט גאָר געמיינט, אַז גאָט האָט צוגעשוואוירן
און געחתמעט: מער קיין מבול ברענגט ער ניט.

— „נעם מיך, אליהו, גיך צום באָרטן,
ווייל מיר ברעכן זיך פון שרעק די פיס,
דער געשריי פון וויגעשרייען קומט פון דאָרטן,
און אַ ביטער קלאָגגעוויין אויף וויסטסטער וויסט.

מייַנע קינדער וואָגלען איבער ימען,
און די שיפן גרייכן נישט קיין ברעג.
גאָט, איך בין דאָך רחל, זייער אַלטע מאַמע —
זאָג, וואָס ברענגט מיך איצטער שיר נישט אום די שרעק?...״

איז דער ים נאָך ווייט? זי זוכט אַ צייכן.
דער געוויכער בייטשט ווי מיט אַ קנוט.
— „אַפשר מיינט די שבועה מבולען פון די הייכן,
אָבער נישט קיין ים פון טרערן און פון בלוט.״

רחל שטייט מיט צוויי פאַרמעקטע בליקן,
כאָטש זי וואָלט די אויגן אויסגעווייַנט.
נאָר דער קוואַל פון טרערן איז איר אויסגעטריקנט,
און דער שלונג איז אָפּגעשטאָרבן און פאַרשטיינט.

— „וועגן קוואַל פון טרערן, רחל, קלער נישט.
דער וואָס האָט געעפנט דיר די טראַכט,
וועט צוריק דיר עפענען דעם קוואַל פון טרערן —
אפשר נאָךביים סוף פון היינטיקדיער נאַכט.

האַלט זיי נאָך אין האַרץ דערווייל אַצינדערט,
ביז דעם סאַמע ערשטן שפּראָץ אויף זון —
דעמאָלט וועסטו וויינען, אַז דו זאָלסט נישט בלינדן
און דו וועסט מיט טרערן קילן דיר די וואונד״.

רחל וואָגלט פאַזע ברעג אַ מידע,
און קיין שטיין צו רוען האָט זי ניט,
און דער וויכער מאַטערט אירע אַלטע גלידער,
און ער שטרויכלט אירע כליפּעדיקע טריט.

— „כוואַליעס ווילדע, אויפגעבראַזטע פּליצן,
כ׳שטיי אין בעטעניש צו אייך געווענדט —״
נאָר דער ווינטער רייסט דאָס טיכל פון איר פּלייצע,
און ער ברעכט איר די פאַרבראָכענע צוויי הענט.

— „הערט אויף שוימען, כוואַליעס, הערט אויף זידן —
כ׳זע אַ ווייסינק ווינדעלע, מיר דאַכט.
ווי, וואָס ס׳איז געבליבן פון אַ שיף מיט יידן
אין אַזאַ מין תוהו-בוהודיקער נאַכט!

שענקט מיר, כוואַליעס, כאָטש אַ קינד — אַ זכר —
אַנדערש ריר איך מיך נישט פונעם אָרט״.
שטראָמען גיסן פון די נידעריקע הייכן,
און די כוואַליעס הערן קוים איר ביטער וואָרט.

— „אויב אַ קינד, וואָס איז שוין נישט קיין וואוינונג
פון קיין לעבן, גיב איך אים אַוועק
וואָס איך בין — און זאָל עס הייסן אי בן־אוני,
אי בנימין — אַ געבירט אין גרעסטער שרעק.

אַנדערש קען איך מער נישט זיין קיין מאַמע —
דאָרטן וואו דער וועג קיין אפרת גייט.
כ׳וועל אַראָפּ — זיך לייגן אויפן דנאָ פון ימען,
מיט מיין האַרץ, דעם שוואַרצן ים פון מיינע לייד.״

רחל וויל באַוויינען אירע קינדער,
נאָר זי גליווערט, צו דער טיף געווענדט.
פּלוצעם זעט זי אין די כוואַליעס: עפּעס בלינדיקט —
און זי שטרעקט דערנאָך די צוויי פאַרשטאַרטע הענט.

וואו איז דאָ דער ים און וואו דער הימל —
אַז די נאַכט האָט זיי צונויפגעפּאָרט?
אין דער טעמנער חשכות זעט זי עפּעס שווימען —
ס׳איז אַן עופעלע, אַ ווינדעלע, אַ גאָרט?

ניין, זי זעט נישט וואָס ס'איז צוגעשוואוומען,
נאָר זי פּילט מיט זעענדיקע הענט:
שטיקער לייוונט האַלטן עס אַרומגענומען,
און ס'אַן עופּעלע, וואָס פּיבערט און וואָס ברענט . . .

כאַפּט זי אין די אָרעמס, אין די שטאַרע,
דאָס, וואָס ס'האָט די כוואַליע איר געברענגט.
זאָל דעם עופּל אין דער לייוונט זיין נאָר וואָרעם —
וואָלט זי גאָר דאָס חיות אים אַוועקגעשענקט.

וואָס די כוואַליעס שענקען איר, פאַרוויגט זי,
און זי נעמט עס גאַנץ אַריין אין זיך.
אויף אַ וויסטן שטיין נישט ווייט פון באָרטן ליגט זי —
און די בראָך דערזעט זי באַלדביים ערשטן ליכט.

ס'איז אַ מיידעלע, אַ האַלבס, נישט מערער,
מיט אַ בריסטל און אַ שטיקל טראַכט.
עמעץ מיט אַ האַק האָט דעם צעפּלעט דעם שטערן.
— „ווי מיר, מער האָט איר מיר, כוואַליעס, נישט געבראַכט?"

הייבט זי צו דער הייך איר קינד, איר אייגנס,
און אַנטפּלעקט דאָס בריסטל און די טראַכט:
— „דאָ האָט דאָך געדאַרפט אַ מאָל אַן עופּל זייגן,
און דאָס טראַכטל וואָלט אַ צווייטן דור געבראַכט.

וויפל אָט אַזעלכע מילכן־קוואַלן
האָט מען שוין פאַרקאַפּעט אָן אַ צייט?
וויפל דורות גייען אינעם תהום פאַרפאַלן,
און אין יידנגריבער, ווי די ערד איז ווייט?

אוי, ווען כ'קען פאַרריכטן דיינע ריסן
מיט די גלידער פון מיין לייב אַליין . . .
אַלע דיינע מיתות, קינד מיינס, וויל איך וויסן,
וואָס ס'נישטאָ דערפאַר קיין וואָרט און קיין געוויין.

טיפע שיפן, אָנגעפּראָפּטע באַנען — — —
אויף דערויף די קינדער מיר פאַרמערט ? . . .
— „טאַכטער, וויין דיך אויס און גיי אַוועק פון דאַנען,
מנעי קולך, ווייל אַזוי איז דיר באַשערט.״

— „כוואַליעס שטורעמדיקע און געדעכטע,
כ׳קען דאָך אייך נישט שעלטן מיט מיין צונג —
מ׳האָט געפּענטעט מיינע קינדער — שאָף צום שעכטן —
און אַזוי זיי אייך געוואָרפן אינעם שלונג״.

— „ס׳איז שוין ,טאַכטער, צייט זיך אויפצוהייבן
און אַוועק צוריק צו דיר אין רו״.
— „אליהו פעטער, איך וועל ווייטער גלייבן
אינעם קול, וואָס טרייסט מיך און וואָס זאָגט מיר צו . . .

אָבער אַלע ווערטער זענען שטומע,
און זיי האָבן נישט קיין האַפט, קיין ווערט —
ביז דאָס וואָרט, וואָס אייביק וועט עס שרייען : שטרומאַ !
וועט אַ מאָל געפינען טרייסטונג אויף דער ערד.

כ׳קען נישט וויינען, כ׳קען נאָר טרוקן כליפּען,
און פּאַר ווייטיק שטומען זוי אַ שטיין.
קום זשע, קינד דו מיינס, אַ מאַמע טאָר נישט זשיפּען,
און מיר האָבן נאָך אַ ווייטן וועג צו גיין״.

און זי נעמט דאָס קינד אין אירע אָרעמס,
און זי נעמט די ווילקשנור מיט זיך,
„ערגעץ אין דער מידבר, אויסגעפּייניקט, אָרעם,
וואָגלט אום און קוקט ארויס אויף אונדז משיח.

וועלן מיר די וואונדן אים פאַרבינדן,
מיטן ווינדעלע, געוויקט אין בלוט,
מיטן זיכר פון דער שטרומאַ אין די איינדן —
און קען זיין, אַז ער וועט מוזן זאָגן: גוט . . .

מײַן קינד,

און פון דאָרט, [redacted], וועל איך דיך טראָגן
קיין בית־לחם, וואו איך ליג שוין לאַנג —
כ׳גיי אַרויס צום ירדן יעדן חצות צו קלאָגן,
זינט איך האָב געהערט נבוזראדנס גאַנג.

וועסטו זען מיט מיר זיך ציליען שטערן —
אותיות העפטן זיך אין הימלראָד,
און סט׳מיר העלפן זוכן דורך מיין שלייער טרערן,
צי מע זעט נאָך נישט די אותיות: גענאָד . . .

אפתחה פי

אפתחה פי מיט אַ גרויס געוויין —
דאָס האַרץ איז מיר וויסט ווי אַ מדבר־שטיין.
איך וויג אַ קינד אויף פאַרבראָכענע הענט —
און דער קוואַל פון טרערן איז טרוקן און ברענט.

איי־ליע ליו־ליע, ווינד און ווי —
וואו זענען דיינע אייגעלעך צוויי?
וואו זאָלן דיינע אייגעלעך זיין —
אויסגערונען אין ים אַריין.

איי־ליע, ליו־ליע, ווי און ווינד —
פון וואַנען קומט צו מיר דאָס קינד?
פון ערגעץ אַן אייביק פינצטערער נאַכט,
פון אַ תהום, פון ערגעץ אַ טויטער טראַכט.

ווי, ווי שטיל דו ביסט, מיין טאָק — — —
און דער ים איז שטום, ווי אַ טויבער גלאָק.
וואָס האָב איך פון וויגן זיך שעה נאָך שעה —
אַ בראָך ווי דיינע איז גאָר נישטאָ . . .

אַנגסטן מיינע, ניטע שטילט.
נישטאָ קיין טרייסט צו מיין ווייטיק ווילד,
נישטאָ קיין טרער פאַר מיין געקלאָג —
נאָך אַזאַ נאַכט קען נאָך ווערן טאָג?

יאָרצייט

א) די באָרד

שוין נישט איין מאָל קומט מיר אַ באַקענטער ייד צו חלום,
מיט אַן אויסגעפּליקטער האַלבער באָרד, די צווייטע האַלבע —
אַ פאַרפּאַפּטע אין אַן אויסגעמיש פון בלוט מיט בלאָטע.

— „פריער האָב איך דען געהאַט אַ באָרד, אַט ווי ביי לייטן —
וואָס דו גלאָצסט אַצינד אַזוי אויף מיר מיט די אויגאַפּלעס?
אמת, פונעם ביסל, וואָס ס'איז מיר פון איר געבליבן,
קען מען טאַקע, מיינע שונאים, פּלאַצן פון געלעכטער . . .
נו, די אויסגעפּליקטע האַלבע וועט צוריק נישט וואַקסן —
מ'האָט זי ביי מיר אויסגעפּליקט געטריי, מיט שטיקלעך צורה —
זאָל איך זשע די צווייטע העלפט צעפּליקן בידיים ?

שקצים האָבן אָנגעהויבן מיר די באָרד צו צופּן —
ווייסטו ווען? — מיט שיינע יאָרן פריער, אין די דערפער,
נאָר ביי זיי איז עס געווען אַ שפּילעכל מסתמא,
ווי, למשל, ביי די הינט, וואָס פלעגן מיך באַפאַלן —
נישט קיין ניוק געטאָן, אַז כ'האָב זיי עפּעס צוגעוואָרפן.

ב) ר' ייד

כ'זע, דו בויערסט דיר דעם קאָפּ, דו ווילסט דיך שטאַרק דערמאָנען
ווי כ'האָב דאָרט געהייסן, אינעם אויסגעטייטן שטעטל.
רוף מיך סתם: ר' ייד — און זוך אויף מיר נישט קיין סימנים —
מ'האָט מיך נישט דערהרגעט, נישט געהאָנגען, מ'האָט מיך גאָרנישט.
שיסן, הענגען — וואָלט פאַר מיר געווען צו פיל כבוד . . .

וואָס זשע, ווען מען טייט מיך פריער, וואָלט געווען בעסער?
בלייבן ליגן כאַרכלענדיק אין בלאָטע — איז שוין שענער ?
ליגן מיט פאַרגלייזטע אויגן און ביי גאָט זיך בעטן:
קום, דערקוילע דו אַליין די עדה יידן דיינע —
בעטן גאָר ביי גאָט דעם טויט אויף זיך? אַ שיינע מעשה . . .

ג) קבורה

איך בין נישט געקומען צו קיין קבורה, ווייל צו קבורה
קומט אַ מת — מע זעט: געשטאָרבן, ברוך דיין אמת.
איך בין דאָך אַ נישט־געשטאָרבענער אַריין אין קבר.

כ׳האָב אַריינגעטאַנצט אין גרוב אַריין בשעת דער ווידוי,
און די ווידוי האָב איך אויסגעזונגען, אויף צו להכעיס
די מערדיירים — מ׳האָט נאָך נישט געזען אַזאַ בייז־וואונדער . . .

און דעם קבר, ווייסטו דאָך, האָב איך אַליין געגראָבן.
אָבער, דאַכט זיך, אַז דו ווייסט נישט, אַז בשעתן גראָבן
האָט אַן ערב־פּסח־ווינטל מיר געדרייט די פּאות — — —
שטיי איך און איך גראָב און טראַכט מיר: מצות דאַרף איך איצט נישט,
נישט קיין מצות, נישט קיין ווין און אויכעט נישט קיין מרור . . .
איבעריקנס פלעגט דאָך זיין דער מרור זיס ווי צוקער . . .

ד) יענעם אינדערפרי

איך האָב יענעם אינדערפרי געדאַוונט מיט כוונה,
און כ׳האָב גוט געקוועטשט די פּסוקים רחמים און תחנונים.
נאָר איך קום נישט איצט צו דעם פון אויבן מיט קיין טענות,
אָבער ס׳איז מיר אויכעט שווער געפינען אויף אים זכותים.
ובפרט דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז עפּעס גרייט זיך . . .
כ׳האָב געפילט, אַז קיין שום תפילה וועט שוין איצט נישט העלפן.
אויב איך בין נישט, הייסט עס, ווערט און ס׳איז אַראָפּ פון אויבן
אַ געחתמעטער דער גזר — איז וואָס קען העלפן בעטן?
אגב קען געזיין, אַז אויך דערפאַר וועט מען מיך שמייסן,
ווייל איך האָב אין מיר דעם טראַכטער צו פיל נאָכגעגעבן.

ה) אפשר

אפשר דאַרף מען אויפן אייבערשטן רחמנות האָבן,
און אים נישט אַזוי פיל דריקן צו דער וואַנט און מאָנען:
אויב דו האָסט געזען, ווי מ'האָט געשאָכטן פּיצלעך קינדער
אויף דער מאַמעס ברוסט — פאַר וואָס זשע האָסטו נישט דעם גזלן
אָפּגעהאַקט די הענט, נאָך איידער ער האָט אָנגעהויבן
מערדערן? סע קען דאָך נישט געזיין אַזוי פיל טומאה,
וואָס דערפאַר זאָל אונדז אַצינד אַזאַ מין עונש קומען.
ניין, מע וואַרפט חלילה קיינעם נישט דעם גט אין פּנים,
אָבער ווייז מיר וואו סע שטייט געשריבן, אַז מער טאָר נישט
זאָגן, מאָנען — אויב מע זעט ביי יענעמען אַן עוולה.
כ'ווייס, ס'איז נאָר גערעדט ביי מענטשן, אָבער דעם פון אויבן
דאַרף מען, דאַכט זיך, איצטער גאַרנישט פרעגן, ווייל ס'איז פשוט:
ווען סע וואָלט געווען אַן ענטפער, וואָלט דאָך לכתחילה
נישט געווען געקומען צו דער בראָך — און צו דער קשיא . . .

ו) צייט צו טראַכטן

כ'האָב געהאַט אין לעבעדיקן קבר צייט צו טראַכטן.
איינס איז אויף קיין איין מינוט מיר נישט אַרויס פון זינען:
איך האָב אין דער היים געלאָזט אַ מיידל אַ פאַרזעסנס,
מיינס אַן אויג אין קאָפּ, אַן איינציק קינד, אַ בת־יחידה.
גיט איר עמעץ איצט אַ גלעט און ווישט איר אָפּ די טרערן?
טויב און בלינד בין איך געלעגן, אָבער פול געטראַכטעכץ — :
ווען דער אייבערשטער וואָלט מיך געפרעגט, וואָלט איך געעצהט —
גלייכער וואָלט געווען אַנדרוגינוסן צו באַשאַפן,
איידער לאָזן טעכטער ביזן גרויען צאָפּ פאַרזיצן,
ביזן גרויען צאָפּ און ביזן ווערעמדיקן קבר,
בעסער זיי פאַרשלעפערן נאָך אין דער טראַכט, נאָך איידער
זיי דערלאַנגען דעם געשריי, דעם שרעקלעכסטן פון אַלע,
דעם געשריי, אַז מע דערזעט די וועלט, וואָס מען וועט דאַרפן
לעבן שטאַרבנדיק אין איר, פון וויגל ביזן קבר.

ז) כ׳האָב געמיינט: ס׳אַ חלום

כ׳על דיר עפּעס נאָך דערציילן, כאָטש דו ווערסט נישט גלייבן;
איך אַליין האָב עס מיר נישט געגלייבט, אַז ס׳האָט געטראָפן,
כ׳האָב געמיינט: ס׳אַ חלום — יאָ, אַ וויסטער, טעמנער חלום.
הער עס אויס, דערצייל עס, אָבער מאַך נישט קיין פּירושים.
אָסור ווייס איך — וואָס פּירושים קענען דאָ שוין אויפטון.

כ׳בין געלעגן אַ פאַרשאָטענער — איך ווייס נישט וויפל,
ביז, וויזט אויס, אַ באַמבע האָט דעם מאַסנגרוב געפונען
און האָט מיך צוריק אַרויסגעוואָרפן אויף דער לאַנקע,
וואו מ׳האָט אונדז געהאַט געהייסן זיך די גריבער גראָבן.

כ׳האָב מיך אויסגעטשוכעט און איך האָב דערזען דעם חורבן —
נאָר איך בין דאָך נישט אַליין, נישטאָ זיך וואָס צו שרעקן . . .

פּלוצעם אָבער זע איך עפּעס, וואָס סע שרעקט מיך דווקא:
צווי, דריי טריט פון מיר ליגט אומגעוואָרפן אין דער בלאָטע
אַ געפאַרבטער צלם מיטן יויזל — אָן די צוועקעס,
און די דערנערקרוין האָט עמעצער אַוועקגעוואָרפן —
אפשר האָט אַ ווינטעלע זי אים אַראָפּגעריסן,
אפשר האָט ער עס אַליין געטאָן מיט לויזע אָרעמס.
ליגט ער און ער רעדט און שאָקלט צו מיר מיטן פּנים,
נאָר ס׳איז אָבער שווער צו הערן, און איך פרעג אים פּראָסטלעך:
זענען היינט געוועזן אין קלויסטער אַלע דיינע שעפסן?
וואָס האָט מען זיי אָנגעזאָגט? איך ציטער שוין אין גאַנצן . . .
תמיד, אַז איך בין די קאַפּליצע פאַרבייגעגאַנגען,
האָב איך מיך געשראָקן — נישט פאַר דיר, נאָר פאַר די שקצים,
וואָס זיי האָבן זיך מיט שטיינער הינטער דיר באַהאַלטן . . .

ח) כ׳האָב אַ זון

כ׳האָב אַ זון אין אונדזער הייליק לאַנד — ער איז שוין דאָרטן
זינט די אָנהייב דרייסיקער; בשעת דער וועלט-מלחמה
איז ער אַזש געווען אין רוים — אַזוי האָט ער געשריבן.
האָב איך אים געענטפערט אין געדאַנק: אוי, זון געטרייער,
ערגעץ זיצט דאָך ביי די טויערן פון רוים משיח —
און ער קען זיך נישט באַפרייען פון די גלות־קייטן.
ס׳קען גאָר גריילעך זיין, ער וואַרט — מע זאָל אים אונטערהעלפן.
סיי ווי — מעגסט אים זאָגן: די וואָס וואַרטן אויף זיין קומען,
זענען באַלד נישטאָ, פאַרפלייצט געוואָרן און פאַרטיליקט.
באַלד ט׳נישט זיין חלילה מער — צו וועמען ער זאָל קומען.
ס׳איז דאָך שוין נישט מער די גוטע צייט פון שייטער־הויפנס,
אָדער בלוט־בילבולים, אָדער דאָרט געשענדטע האָסטיעס,
אָדער יידן־שלעגערס ערגעץ דאָרט אויף זייער ניטל.
די מערדיירים ווילן איצטער גאַנצענע קהילות,
וויסנשאַפטלעך אויסגעציילטע, קיינער זאָל נישט פעלן.
דאָס איז דאָך אַצינד די אַכטע צו די שבע חכמות.
העלף זשע אים, מיין זון, זיך צו באַפרייען פון די קייטן —
וועט ער קענען קומען, וואָרן ס׳איז שוין באו מים . . .

* * *

וואָס איז דאָס געווען — האָב איך געהערט די הענער קרייען? . . .

##ביימעלע מיט אויפגעבליטע גלידער

ביימעלע מיט אויפגעבליטע גלידער —
אוי, אין ווען דו דערמאָנסט מיך איצט . . .
איך מוז ווידער בלייבן שטיין אַ מידער
אין דיין שאָטן, ביימעלע צעבליטס.

אָט־אָ קומט אַ פלאַטערל צו פליען —
דאָס איז אַלץ נאָך דיר די בענקעניש;
וויפל זי זאָל מיך נישט ברענען, בריען —
נאָר זיך איבערברענגען קען זי נישט.

ערגעץ האָט אַ פייערבראָך געגנידערט
אויף אַזוינע ביימעלעך ווי דו,
מיט די ערשטע עפּל אויף די גלידער,
און מיט חלום אין דער צווייגנרו.

דאָרט האָב איך געלאָזן אָן אַ וועכטער
אַזאַ ביימעלע ווי דו ביסט איצט —
ווען פון אַלע היכן — גאָט גערעכטער! —
האָבן פייערבראָכן זיך צעבליצט.

כ׳בין אַוועק אַריבער ווייטע ימען,
מיט אַ שמאַכטונג, וואָס האָט ווילד געבליט.
וואָס האָסטו געטראַכט, בשעת די פלאַמען
האָבן דיר געשלונגען צווייג און צוויט?

ס׳קען געזיין, אַז אין דער לעצטער רגע
האָסטו גאָר געטראַכט — — — ניין, ס׳קען נישט זיין!
פאַרן פוסטן שטיין אַזוי און פרעגן
קומט מיר אייביקע גיהנום־פּיין.

כ׳נעם אַרום אין חלום דיינע גלידער,
וואָס דער פייערבראָך האָט זיי פאַרברענט — — — —
(אַז איך שרייב דערוועגן גראַמענלידער,
דאַרף מען מיר נישט קאַטעווען די הענט?).

ברוך-איציק

א) כּעלות־הבוידעם

ס׳איז כּעלות־הבוידעם. ברוך־איציק מיט דער שקאַפּע,
לסוסתי, ציִען דורך די אויסגערוטע פעלדער
גלייך צום רבין; ער זאָל לעבן, און פון דאָרטן ווייטער,
וואו־אַהין מ׳עט הייסן. ר׳האָט אַ טבע, ברוך־איציק,
ער׳ט נישט פרעגן קיין מאָל, וואו־אַהין מע דאַרף עס פאָרן,
נאָר מע דאַרף אים פריער זאָגן פּראָסטלעך: פאָר אַהין צו.
זיך אַזוי געפירט ביים אַלטן רבין, זכותו יגן,
און ביים איצטיקן, זאָל לעבן, פירט ער זיך נישט אַנדערש,
און אַזוי וועט ער זיך פירן, וויפל ס׳עט באַשערט זיין.
און די שקאַפּע הייבט נישט אָן צו ציִען, ביז זי הערט נישט,
פון איר שפּייזערס מויל, און פילט דערביי נישט אויפן זאַדיק
זיינס אַ פּעטשל, זיינע פינעף קלעצלדיקע פינגער:
— שיינע שקאַפּע מיינע, לסוסתי, — נו, וויִלך . . .

ב) לסוסתי

— שקאַפּע, אַז איך האָב דיך איינגעהאַנדלט ביי ר׳ לייבען,
האָט ער מיר אַנטפּלעקט אַ סוד — שוין וויפל יאָר דערינען, —
אַז דו קומסט אַרויס פון פּרעהס שקאַפּעס, דורך גילגולים:
איינע פון די עלטער־באָבעס דיינע איז געקומען,
נישט אַליין, מיט נאָך צוויי טוצן שקאַפּעס, פון מצרים —
מיט דער שיינער טאָכטער פּרעהס, שלמה־מלכּס קעפּסווייב,
ווען ס׳האָט אים געפעלט נאָך איינע צו די טויזנט ווייבער . . .

פונעם גילגול, ווייס איך, איז קיין סך שוין נישט געבליבן. —
איך געדענק דיר אָבער גוט דיין אייביקע געטריישאַפט.
איך בין, מאָל דיר, אויך שוין מער נישט יענער ברוך־איציק,
וואָס פון יענע יאָרן, ווען איך האָב דיך איינגעהאַנדלט.
אָפּגעהאָרעוועט אין איינעם אונדזער ביסל יאָרן —
עלעהיי דו זאָלסט גאָר זיין אַ ווייב, און נישט קיין שקאַפּע.
כ׳רעד צו דיר אַזוי ווי צו מיין יידענע, נאָר זי גאָר
טענהט פונקט פאַרקערט: — דו רעדסט צו מיר ווי צו דער שקאַפּע . . .

ג) שלמה־מלך האָט געזאָגט

מיינע, זאָל געזונט זיין, האָט קענאָרע אָנגעקינדלט
שוין אַ פולע שטוב מיט קליינוואַרג, קלענער איינס פון צווייטן,
און איז, דאַכט זיך, נאָך נישט פאַרטיק . . . ביסט אָן אכזר, זאָגט זי —
כ׳על דיר, זאָגט זי, מיט אַ טאָפּ אַ מאָל דעם קאָפּ צעשפּאַלטן.
דו ביסט אונטער ווענגס, ווייסטו נישט פון דעם גיהנום.
אָבער אַלע קומען מיט די פּיסקלעך צו דער מאַמען.
די פּאַלאַניקלעך צעברעכן באַלד די איינע שיסל,
און די איינע חלה קלעקט נישט אויף אַזוי פיל מוציאס.

און זי וואָרטשעט, וואָרטשעט . . . רבי, זאָגטס, איר דאַרפט דאָך וויסן,
שלמה־מלך האָט געזאָגט, אַז ווייבער זענען ביטער
ווי די ציבעלעס, נאָר אָן זיי איז אַ סך מאָל ערגער? . . .

ד) אונטער ווענגס

ברוך־איציק לאָזט דער מידער שקאַפּע נאָך די לייצן,
קנאַקט זיך אויס די פּלייצע, גיט אַ פּאַכע מיט די אָרעמס,
גיט אַ גענעץ אויף אַ קול, און ציט אים אויס וואָס לענגער —
ביידע זאָלן הערן: אי די שקאַפּע, וואָס זי שלעפּט זיך,
נאָר ער מינטערט זי שוין מער נישט — ווייל ער ווייסט — מע דאַרף נישט,
אי, להבדיל טויזנט מאָל, דער רבי אינעם וואָגן,
וואָס ער האָט שוין טאַקע אָפּגעדאַוונט מנחה־מעריב,

נאָר מע זעט נישט ס׳זאָל אים שלעפערן — ער שעפּטשעט עפּעס
און ער לאָזט אַרויס אַ זיפץ צו מאָל, אַז ברוך־איציק
דרייט אַלץ אויס דעם קאָפּ צון אים און פרעגט: „וואָס איז אייך, רבי?״ —
נאָר דער רבי ענטפערט גאָרנישט און די האַנט אַליין בלויז
גיט אַ מאַך — ווי אייגער רעדט: דו פאַר נאַר, עט, נישקשה! — — —
ווייסט שוין ברוך־איציק: ער באַדאַרף אַצינד נישט נודען.

ה) ברוך-איציק חלשט נאָך אַ דרימל

אוי, ווי זעט מען זיך שוין אין דער היים, ביי ווייב און קינדער —
כ׳וואָלט אַריין אין בעט אין אָנגעטועכץ, אין די שטיוול.

ברוך־איציק דומעט און ער חלשט נאָך אַ דרימל:
נאָר וואָס מער ער חלשט, וויל דער דרימל אַלץ נישט קומען.
ווי ער זאָל נישט טוליען זיך און מאָסטען זיך אין טולעפּ,
כאַפּט ער אָן דעם דרימל ביי אַ פּאָלע — ווייטער גאָרנישט.

אָן דעם רבין — וואָלט ער שוין געדרימלט אויף דער קעלניע,
און דערנאָכדעם וואָלט אים אייגעהילט אַ שלאָף, אַ טיפער,
טיף און וואַרעם ווי אַ גוטע זומערנאַכט סוף־חודש,
ער וואָלט איצט געוויגט זיך אויף דער קעלניע און געכראָפּעט,
און געהערט זיך כראָפּען — ווייל ער קען נישט אַנדערש שלאָפן,
סיידנס אַז ער הערט זיך כראָפּען . . . אָבער איצטער הערט ער,
אַלע מאָל דעם רבינס זיפץ — און אויס, נישטאָ קיין דרימל!
ס׳נישט קיין דרימל, נאָר אַ מאַטערניש, וואָס ברעכט די גלידער.
קען מען אָבער זאָגן: רבי, הערטס שוין אויף צו זיפצן—?

לסוסתי, כ׳דאַרף דיך נישט דערמאָנען: גיי פּאַמעלעך.
מיר האָט מען געהייסן דאַווענען פּאַמעלעך — פּאָלג איך.
נישט געיאָגט זיך — אין דער פינצטער קענסטו דאָך די וועגן
בעסער נאָך ווי אין דער ליכטיק — און ס׳איז דאָ אַ סיבה:
אין דער ליכטיק זעסטו פּאַזע וועג די הויכע גראָזן,

גיסטו, גייענדיק, אַ צופּ — איך מאַך מיך, אַז איך זע נישט.
כראַמטשע דיר געזונטערהייט, אַבי נאָר שלעפּ דעם וואָגן.
— „אמת, רבי, אַז מע טאָר אָן אָקס דאָס מויל נישט צאַמען,
ווען ער דרעשט די זאַנגען?״ — „ווייס איך! ס'איז דאָך פרעמדע פעלדער . . .
פרעג מיך נישט — און זיי מיר נישט מבלבל די מחשבה . . .״

ו) האָב אין דר'ערד די טייטשן

— „רבי, איר האָט דאָך געלערנט מער פון מיר אין חדר,
נישט נאָר סידור, נאָר מסתמא אויכעט חומש־רש״י,
און איך זע: איר קענט דאָס גאַנצע דאַוונען אויסנווייניק,
און איר ווייסט מסתמא גוט די טייטש פון אַלע ווערטער.
איך — איך דאַוון ווינציק, כ'ווער אַנטדרימלט אין דער מיטן. —
אַז איך כאַפּ מיך אויף, פאַרשעם איך מיך פאַר גאָט און לייטן.
אָבער אַז איך צי אַריין די ריחות פון די פעלדער,
נאָך אַ שטילן זומער־רעגן — פאַלט מיר איין אַ פּסוק
פונעם סידור, פונעם מחזור, צי פון דער הגדה,
וואָס איך ווייס נישט זייער טייטש, נאָר ס'ווילט זיך זינגען, שרייען — — —״

‚זינג זשע, נאָר דו איינער, שריי זשע — האָב אין דר'ערד די טייטשן.
אָט אַזאַ געשריי־געזאַנג איז דאָך די שענסטע תפילה״ —
און דער רבי הייבט צון אים די הענט און וויל אים האַלדזן.

ז) טייגלעך מיט פּאַסאַליעס

„רבי, דאָס איז אייער עסן נאָך אַזוי פיל דאַוונען?
דאַכט זיך, אַז אַ פייגעלע אין קימפּעט עסט שוין מערער.
אויף צו זיין אַ גוטער רבי, דאַרף מען נישט קיין כוח?
מאַלט איך, אַז ביי מיר איז אויך דאָס עסן נישט דער עיקר,
אָבער וואָס סע קומט מיר, קומט מיר — כ'האָב מיך פיינט צו נאַרן.
איך האָב פיינט מיך נאַכצויאָגן נאָך אַ לאָקש ביים עסן . . .
און איך דאַרף נישט די מאכלים פון די פריצים דאָרטן,
וואָס, מע זאָגט, די קישקעס שניידן פון זיי — נאָכן עסן.
הייסע מאַמעליגע מיט אַ קאָפּ צעלאָזטער פּוטער,

מיט אַ קאַלטן שעפּער שמאַטעבאַרשט פּאַרטרונקען — נאָר קיין שונא
זאָל עס נישט פּאַרזוכן! . . . זאָל די רביצין אייך קאָכן
טייגלעך מיט פּאַסאָליעס מיט אַ גוטן קנאָבל־איינברען —
וועט איר פילן, ווי סע גייט אַריין אין אַלע גלידער.
איך האָב מיינע קינדער נישט געקאָרמעט מיט פישקאַטלעך —
זענען זיי ביי מיר געוואַקסן קרעפּקע, קענעהאַרע.
אַז איך גיב אַ קינד אַ פּליק, מע דאַרף אַ קינד דאָך לערנען —
שטייט אים אָן צו וויינען, מיינט איר? אָסור, זאָל איך שטאַרבן!

נאָר דער רבי איז פאַרטיפט אין עפּעס אַ געטראַכטעכץ,
און ער הערט מסתמא אין גאַנצן נישט די גוטע עצה.

ח) אַלע דריי

„עט, די יאָרן לויפן, און מע קען זיי נישט דעריאָגן — — —
דאַכט זיך, אַט־אָ ערשט האָב איך געפירט דעם אַלטן רבין,
זכותו יגן, און דער וואָגן איז געבליבן שטעקן
אין אַ שטיל פאַרפלייצעניש אין מיטן דער סוטשאַווע — — —

די סוטשאַווע ליגט געשוואָלן, דירט נישט מיט קיין אבר.
וואו איז דאָס איר שמייכל, וואָס מע מוז אָקעגנשמייכלען
פון ווער ווייסט ווי וויט? און וואו איז דאָס איר שטיל געלעכטער,
וואָס אַז דו דערהערסט עס פילסטו ווי סע זאָל דיך קיצלען —
גיסטו אויך אַ לאַך, אַבי די כוואַליעס נאָכצוגעבן? . . .
וואו — דער ברעג מיט ווייסן זאַמד, די אויגן צו דערקוויקן?
וואו — דער צווייטער ברעג, מיט אָזשענעס, נישט נאָכצוזאָגן?

ווי איך שטיי אַזוי און טראַכט מיר: דאָס איז די סוטשאַווע?
הער איך, ווי זי זאָגט מיר: מעגסט דיך שעמען, ברוך־איציק —
זעסט מיך איצט צום ערשטן מאָל אַזוי? וואָס שטייסטו, גולם?
וויפל הונדערט מאָל האָב איך דיין פערד שוין אָנגעפּויעט —
איצטער שטייסטו און דו גאַפעסט, ווי כ'זאָל זיין אַ פרעמדע.

כ׳האָב דיר שוין אַ מאָל פאַרשפאַרט דעם וועג? אַנו, דערמאָן דיך.
זאָג איך: לסוסתי־לעבן, לייג אַוועק די מורא . . .
טונקט זי איין די פיס אין וואַסער און דערלאַנגט אַ הירזשע —
זי פאַרשטייט אַ וואונק — און נעמט מיט אַלע כוחות ציען.

קומט אין מיטן וואַסער אָבער — בלייבן שטיין די רעדער,
נישט אַהער און נישט אַהין — כאַטש גיי שריי חי־וקיים . . .

זאָגט דער רבי, זכותו יגן, און ער ציילט די ווערטער:
„זאָג מיר, ברוך־איציק ברודער, וואָס איז דאָ די מעשה?
דאַכט זיך, אַז איך בין נישט איין מאָל שוין מיט דיר געפאָרן
אין אַזאַ פאַרפּלייצונג — וואָס זשע איז אַצינד דער עיכוב?

— רבי, אַז איר וועט מיך בענטשן, וועט דער וואָגן פאָרן,
אלא נישט — ווער ווייסט וואָס דאָ חלילה קען נאָך טרעפן.
אפשר לאָזן זיך פון ערגעץ קריעס גלייך אַהער צו . . .

זאָגט דער רבי, זכותו יגן: — „קלויב דיר אויס וואָס גיכער:
צי געזונט, צי קינדער, צי פּרנסה — אָבער טראַכט נישט״.
זאָג איך: — „רבי לעבן, וואָס איז דאָ אַ סך צו טראַכטן?
ווילן, זאָג איך, וויל איך אַלע דריי — איך זאָל נאָר ווערט זיין״.
— „ווערסטו מירטשעם ווערט זיין, אָבער שלעפּ אַרויס דעם וואָגן״.

האָב איך אָנגערירט די לייצן און אַ זאָג געגעבן:
— „לסוסתי, שקאַפּע מיינע, מעגסט שוין איצטער פאָרן —
גיט זי זיך אַ ריס און גיט אַ שלעפּ אַרויס די רעדער,
און דאָס וואַסער, דאַכט זיך עפּעס, מאַכט פאַר אונדז אַ וואַרע . . .״

ט) לאָמיר בעסער שווייגן

ברוך־איציק גיט אַ טיפן זיפץ אין גרויס געלייגטקייט:
„אוי, די צונג האָט דאָך געדאַרפט מיר אָפּגענומען ווערן,
איידער כ׳האָב דאָס מויל געעפנט און געמאָנט די ברכה.
ווען איך זאָל געוועז מיך ריכטן דעמאָלט אויף באַשערטקייט,

וואָלט איך גיכער מיר געוועז די צונג אָרויסגעריסן.
בעסער וואָלט מיר שוין געוועז צו לעבן אָן אַ זאָמען
און אַוועקגיין אָן אַ נאָמען פון דער וועלט, דער שיינער,
איידער האָבן אין אַ שטוב מיט קינדער איינס האַרבאַטע.
כ׳וואָלט אַליין געטראָגן זיבן האַרבן — ווי אַ שפּענדל;
כ׳וואָלט געלאָמעט אַ געליימטער — מיט אַ שמייכל, איידער . . .״
„ברוך־איציק, ווייסט וואָס כ׳על דיר זאָגן?״ „ניין, איך שטויס מיך,
נאָר איך וויל נישט הערן גאָרנישט. לאָמיר בעסער שווייגן.
אַז כ׳על ליגן מיט די קאָפּיטעס שוין אויסגעצויגן —
וועט נאָך אָבער אַלץ געוואַלדעווען אין מיר און שרייען . . .״

לאָמיר זשע באַלאַקען

„רבי, כ׳הער דאָך, אַז איר קענט נישט שלאָפן, כ׳הער איך זיפצן;
איך קען עפּעס אויך נישט שלאָפן — לאָמיר זשע באַלאַקען.
דווקא שלאָף איך אויף דער קעלביע — ס׳מעגן בלאָזן ווינטן,
ס׳מעג זיך גיין אַ שטילער רעגן — אַרט עס מיך נישט גאָרנישט.
ווינטער איז, פאַרשטייט זיך, אַנדערש — וואָס בין איך, אַ ייִנגל?
טייל מאָל אָבער גיט זיך אויס אַ נאַכט, וואָס לאָזט נישט שלאָפן,
נאָר זי הייסט דיר טראַכטן — אויך ביי אייך אַזוי מסתמא.
טאָקע נאָר ווי איינער מיט אַ האַק זאָל הייסן טראַכטן . . .״

„טראַכטן, נאַרעלע, איז גוט, נאָר נישט קיין פּוסטע זאַכן,
קיין מחשבות זרות נישט, קיין שלעכטע טראַכטענישן״.

„אונטער וועגנס זיפצט מען מער ווי אין דער היים, ס׳איז אמת?
אפשר וויל מ׳האָט אונטער וועגנס מערער צייט צו טראַכטן . . .״

„נו, דעם מענטשנס לעבן איז דאָך אויך אַן אונטערוועגנס . . .
און צו וואָס מע שיקט אַראָפּ דעם מענטש אַהער צו — ווייסטו:
נישט צוליב דער יאַזדע, קוקן ווי די פייגל פליען,
עסן דאָס וואָס אים געפעלט, להבדיל ווי אַ חיה.
אוי, מע שיקט אַראָפּ דעם מענטש ער זאָל דאָ עפּעס אויפטון,
און פאַרריכטן וואָס ס׳איז קאַליע, און נישט קאַליע מאַכן
קיין פאַרריכטס חלילה — ווי זשע זאָל מען דאָ נישט זיפצן?

סתם זיך העצקען אונטער וועגנס איז דאָך נישט קיין עובדא.
נעם, אַ שטייגער דיך אַליין, איך בעט דיך, פאַר אַ משל:
פאָרסטו דען פון אָרט צו אָרט פון פאַרגעניגען וועגן?
אָלא וואָס זשע דען? דו פאָרסט אַהיים צו ווייב און קינדער
זיי מיט עפּעס צו דערפרייען, ווייל זיי וואַרטן אויף דיר.
אויף אַזאַ מין ערך דאַרף מען, ווייפל מע געפינט זיך
דאָ, אויף דעם עולם שפל — קלויבן מעשים טובים,
אַז מע זאָל אויף יענער וועלט מיט ליידיקן נישט קומען . . .
אוי, מע דאַרף אַ גוטן טראַכט טון: וואָס וועט זיין דערנאָכדעם,
איבער הונדערט צוואַנציק יאָר? מ׳עט מיט דיר אונטערשפּאַרן
דאָרט אַ פּלויט — וועט דיר דען רעכט זיין? ווילסט דאָך עולם הבא.
נו, אויף עולם הבא דאַרף מען האָרעווען, דאָס ווייסט מען.
פונקט ווי דאָ, איז גיט מען אויבעט דאָרט אומזיסט נישט גאָרנישט —
דאָס מלכותא דאָ איז פונקט ווי דאָרטן — שטייט געשריבן״.

„רבי, כ׳זע דאָך וואויל, אַז אַלצדינג קיינעהאָרע ווייסט איר.
קענט איר מיר זשע זאָגן: וואָס האָט גאָט באַשאַפן טכוירן —
אַז זיי זאָלן קומען האַלבע נאַכט די הינער וואַרגן?
און דעם פּריצס הינט, וואָס רייסן שטיקער פון מיין שקאַפּע,
וואָס זי טשעפּעט זיי נישט — וואָס האָט גאָט געדאַרפט באַשאַפן?״
„אוי, וואָס טויג דיר אַזוי ווייט צו טראַכטן און צו חקירהן?
בעסער איז צו נעמען זיך אין קאָפּ אַריין אַ טועכץ, —
פון דער גוטער טועכץ, פון דער מצווה, וועט שוין קומען
אויף די גוטע טראַכטונג — איינס וועט גורר זיין דאָס צווייטע.
און סע שטייט געשריבן, אַז אפילו אויף דאָס רישעות
בענקט בסתר, זוכט אַ וועג אויף אויסגעלייזט צו ווערן,
ס׳הייסט: דער גוטער ניצוץ אין דער קליפּה זוכט אַ תיקון . . .
לערן נישט דעם בורא־עולם ווי די וועלט צו פירן —
ער איז שוין צו דיר אַ מאָל געקומען נאָך אַן עצה?
גריבלעניש איז פּאַיע ווערדע און אַ פּוסטע דולעכץ.
מיט פאַרקוועטשטע אויגן זעט מען נישט, אַז ס׳וואַרט אַ מצווה.
נישט נאָר מ׳איז די מצווה מחמיץ, נאָר מע לאָזט זי פּוילן.
טו אַפּריער עפּעס גוטס, די חקירה ט׳מעגן וואַרטן.

ביז מע קראַצט זיך אויס, קען יענער לאָזן די נשמה.
קודם טו, דערנאָכדעם חקירה — נישט פאַרקערט, חלילה.
זיי, די פילאָזאָפן דאַרט, די כופרים, בלאָנדזשען נעבעך
אין דער פינצטער, אָן אמונה, האַלטן זיי פון חקירה . . .
דו באַנעמסט עס נישט אין גאַנצן? זאָל עס דיך נישט אַרן".

„נאָך אַ זאַך: אַ מענטש פילט דעמאָלט אין זיך די נשמה —
ס'הייסט: ער פילט זי דווקא דעמאָלט מערער ווי געוויינטלעך,
ווען ס'איז גוט אים אָנגעזאָליעט אויפן הארצן — אמת?
איז דאַך עפּעס דאָ נישט גלאַטיק, ס'מוז דאַך זיין אַ סיבה,
אַז ס'איז אָנגעזאָליעט אויפן האַרצן — האָט מען טענות:
דאַכט זיך, דער פון אויבן קוקט זיך אום אויף טייל בישקשה,
און אויף אַנדערע פאַרגעסט ער גאָר זיך אומצוקוקן,
אָדער ער איז אויף זיי תמיד עפּעס אָנגעצויגן.
כ'בין אַ פּראָסטער חי־וקיים, נאָר איך וויל עס וויסן:
ווער האָט עס אַריינגעטאָן אין מענטש די אַלע טענות,
וואָס זיי קאָדקעדאַקען ווי די הינער אין די שטייגן?
טאָר אַ מענטש נישט טענהן, ווי אַ שקאָפּע טאָר נישט בריקען?"

„ווילסט עס וויסן? וויל זשע . . . נאָר אין די אָט־אָ ענינים
איז אַ סך געזינטער ווינציק־וואָס אַריינצוטראַכטן.
ס'איז ווייזט אויס, למעלה מן השכל, און פאַרפאַלן.
די וואָס זאָגן, אַז זיי ווייסן יאָ דערינען, מיינען
אַז זיי ווייסן עפּעס . . . אָבער ס'איז פאַראַן אַ סברא
גראָד פאַרקערט, אַז די וואָס זאָגן, אַז זיי ווייסן גאָרנישט,
ווייסן דווקא פּונקט אַזוי פיל, אפשר מער פון יענע;
אלא וואָס זשע דען? זיי ווייסן נאָר נישט, אַז זיי ווייסן . . .
איינס איז אָבער, גוטער ברודער, קלאָר — און מעגסט עס וויסן:
דאָס געזעדעריי, דאָס פלאַפּלען, פירט דיך נישט אין ערגעץ.
רעדסט און רעדסט און בלייבסט ביים רעדן און אַ נאַר — ווי פריער.
מידיקסט איין די צונג, און ס'ווערט דערפון אין גומען ביטער . . .
צווייטנס, ווער האָט עס דיר איינגערעדט, אַז ס'קומט דיר טאַקע
מער הרחבה? אפשר האָסטו איצטער מער ווי ס'קומט דיר?
קוק דיך גוט אַרום און קוק אַראָפּ צו, נישט אַרויף צו,

וועסטו זען, וואָס פאַר אַ גביר דו ביסט, אַ ראָטשילד ממש . . .״
און דער רבי גיט אַ זיפץ: „געוואַלד געשריגן!
נעמסט און מאַכסט דעם אייבערשטן, חלילה, פאַר אַ רשע.
און פאַר וואָס? דיר דאַכט זיך, ר׳האָט דיך נישט גענוג אין זינען.
זעסט נישט די חסדים, וואָס ער טוט מיט דיר בפירוש
פון דער רגע, וואָס דו הייבסט דיך אויף פון דיין געלעגער,
דורך אַ גאַנצן טאָג פון האָרעוואַניע, לויט דו קלאָגסט דיך,
ביז דו פאַלסט צוריק אַריין אין שטוב צו ווייב און קינדער.
דער פון אויבן האָט דיך גוט אין זינען, נאָר דו זעסט נישט,
ווילסט נישט זען — דו האָסט אַ טבע: וויינען אין די זשמעניעס״.

יא) אַ דאַכטעניש

ברוך־איציק וויגט זיך אויף דער קעלניע און ער דומעט.
ס׳איז אַן אָנהייב זומערנאַכט. די גרילן גרילצן, גרילצן —
און ער ווייסט אַליין נישט: דרימלט ער, צי איז ער וואַכיק? — — — —

דאַכט זיך, אַז די גאַנצע וועלט איז אפשר גאָר אַ דאַכטונג.
און דער ווינט, וואָס פירט צונויף שידוכים צווישןביימער,
איז מסתמא אויכעט נאָר אַ דאַכטעניש, אַ דמיון.
און די לאָנקע, וואָס איז אָנגעטאָן אַ גויאיש קליידל,
אָנגעפינטלט, אָנגעבלימלט, אַז ס׳אַ פאַרגעניגן,
און די טראַכטענישן, וואָס מען טאָר דערביי נישט טראַכטן —
אַלץ איז אפשר נאָר אַ דאַכטעניש — און ווייטער גאָרנישט.
און דעם מענטשנס לעבן, מיטן גאַנצן הכל־בכל —
זעט זיך אויס, איז טאַקע נאָר אַ דאַכטעניש, אַ חלום.
נו, אפילו אויב אַ חלום, וויל מען אויך פונדעסן
ער זאָל זיין אַ לייטישער, אַן אַנגסטן, אַן קאָשמאַרן . . .

ברוך־איציק דרייט זיך אויס פּאַמעלעכקע צום רבין —
עפּעס וויל ער אים נאָך פרעגן, נאָר דער רבי דרימלט . . .

דער בעש״ט און אַלעקסע אין מיטן וואַלד

באַגינען. דער בעש״ט און אַלעקסע
שלעפּן זיך דורך אַ וואַלד.
דורך געדיכטע נעפּלזיפּן
אַ דינע ראָסע פאַלט.

די רעדער זינקען אין בלאָטע
כמעט שוין ביז דער אַקס.
די שקאַפּע הערט און הערט נישט
ווי אַלעקסעס בייטשל קנאַקט.

זי הערט ווי די אירע אין וואָגן
שפּאַרן זיך איבער אַ זאַך —
און אַז איינער איז פול מיט דיבורים,
נאָר דער צווייטער רעדט נישט קיין סך.

אַלעקסען איז קאַלט און ער וואַרפט זיך,
אַט דערלאַנגט ער דער שקאַפּע באַלד.
„ווי הייבסטו די האַנט צום שלעכטן,
אין אַזאַ פאַרטאָג אין וואַלד?״

דער בעש״ט איז פאַרטראַכט און שמייכלט
מיטן טלית־זאַק אין די הענט.
ער האָט נאָר וואָס געדאַוונט שחרית,
מיט די אויגן צום זונשפּראָץ געווענדט.

נישט געווען קיין מנין יידן —
נאָר דער בוים, דאָס גראָז און די בלום
האָבן איינגעהאַלטן דעם אָטעם
און מיטגעדאַווענט פרום.

ס׳איז אלול־צייט און סע פרעסטלט,
דעם בעש״ט איז אָבער נישט קאַלט —
אַ טשירקעניש נעמט זיך וועקן
אין אַלעביימער אין וואַלד.

אַלעקסע צלמט זיך איבער,
און וואַרטשעט אונטער דער נאָז.
ס׳אים נישט רעכט די גאַנצע יאַזדע,
ער ווייסט נישט קלאָר פאַר וואָס.

„צי וואָלט נישט געווען אַ פּראָווע,
נאָך אַזאַ צעווייקטער נאַכט,
צו נעמען צו ביסעלעך משקה?
וואָס האָסטו דיך, סטרוליק, פאַרטראַכט?

איך ווייס טאַקע וואויל, אַז דו האָסט נישט,
נאָר איך ווער נישט זאַט דערפון״.
„אַלעקסע, נישטאָ קיין שענערס
ווי אַ יונגע, נייע זון . . .״

אַלעקסע גיט זיך אַ צאַפּל:
„איי, סטרוליק, פאַררעד נישט די ציין.
דער מאָגן בורטשעט, וויל עסן —
און סע קומט אים, זאָג אַליין.״

ער פאַרהייבט די טיפע קוטשמע
און גיט אַ זייטיקן קוק:
„שוין בעסער צו זיין אַ חיה,
וואָס וואַרט נישט, נאָר כאַפּט און פאַרצוקט.

וואָרף זיצן און וואַרטן אויף לאַסקעס
איז אָך און וויינד און וויי . . .״
„אַלעקסע, הער נאָר די טרעלן —
מיר דאַכט, ס׳איז אַ סאָלעוויי״.

אַלעקסע זעט נישט און הערט נישט.
ער דרייט זיך אין דרייען צונויף.
אַ רגע מיינט מען: ער דרימלט,
נאָר ער כאַפּט זיך תיכף אויף.

„וואָס טויג מיר דער קאָפּ אויף דער פּלייצע,
אַז גאָרנישט פּאַטויפּעט זיך דאָרט?
מיין פּאַראַסקע זאָגט — איך קאַלאַטע,
מע פאַרשטייט מיך נישט קיין וואָרט.

קאַלאַטעסט, זאָגט זי, אַלעקסע,
דיר קען דאָס מויל נישט שטיין.
טאָ וואָס זשע טוט מען, סטרוליק,
מע זאָל מיך קענען פאַרשטיין?"

דער בעש"ט גייט נאָך מיט די אויגן
אַ וואָלקן ווייס ווי שניי.
נאָר אַלעקסעס מאָדנע דיבורים
טוען אים זייער וויי.

„עפן אויף דאָס האַרץ, אַלעקסע,
און קוק און שווייג און הער,
ווי אַלצדינג דאַנקט פאַרן חסד,
וואָס דער אייבערשטער באַשערט".

„איך האָב נישט וואָס צו דאַנקען,
כ'בין הונגעריק און מיד.
אַז נאָר דיר ווילט זיך טאַנצן,
טי, סטרוליק, דאָברע זשיד.

דו גיב מיר אַ פלעשעלע בראָנפען —
וועל איך אויך זיין פריילעך ווי דו".
„דאָס ווינטל האָט עפּעס סודות —
אַלעקסע, הער דיך צו . . ."

„וואָס טויגן מיר דאָרטן די סודות,
וואָס דאָס נאַרישע ווינטל ברענגט?
שוין אַ טאָג מיט אַ נאַכט מיט אַ סמיטשיק
זיך דעם גאָרגל נישט אויסגעשווענקט.

מיך הייבט אַזש אָן צו גרימען,
אַז איך זע, ווי דו שמייכלסט אַזוי —"
„אַלעקסע, אַ דימענטל פינקלט
אין איטלעכן טראָפּן טוי . . ."

פאַר טאָג. דער בעש"ט מיט אַלעקסען
שלעפּן זיך וואַלד אַרויס.
פון דער ווייטנס וויזט זיך אַ קרעטשמע,
און די וועלט איז ווייט און גרויס . . .

איך טראַכט נישט אויס

איך טראָג נישט קיין מעשׂטעס, ווי איטלעכער טראָגט,
וואָס מע קויפט פאַר אַ ביסל מינץ דאָרט.
מע זעט מיינע מעשׂטעס קוים ביי טאָג,
ווער שמועסט נאָך — אין דער פיצנטער.

זיי זענען געמאַכט פון בלויער זייד,
און מיט וואָלקנפוך געבעטע.
זיי קומען צו מיר פון זייער ווייט —
דורך אַ זיידנס אַן עלטער־פעטער.

דעם זיידנס עלטער־פעטערס אַ צוואָק
האָט געדינט ביי פיאָטער וועליקע.
ער פלעגט, זאָגט מען, רייטן אויף אַ באָק,
און מע פלעגט אים אין שליחותן שיקן.

מע פלעגט אים שיקן ביז עק וועלט,
אזש העט צו די הרי־חושך —
ער זאָל נישט קוקן אויף קיין געלט,
און זאָל ברענגען מציאות גרויסע.

דער באָק איז אַ באָק ווי אַלע בעק,
מיט הערנער און מיט אַ בערדל.
מע זעט אין דער מאָרדע בלויז און אין עק,
אַז ס׳איז עפּעס האַלב באָק און האַלב פערדל.

דערפאַר האָט ער קולות צווייערליי —
אי ער הירזשעט, אי ער מעקעט.
די פאָדערשטע פיס — מיט פּאָדקאָוועלעך צוויי,
נאָר די הינטערשטע — ווי ביי אַ בעקל.

פון וואַנען דער יוצא־דופן אַט דער
איז געקומען אַהין, און צו וועמען —
די גאַנצע מעשה האָב איך נישט געהערט,
נאָר כ׳דערצייל זי, איך דאַרף מיך נישט שעמען.

דערציילן אַ זאַך, וואָס זי איז, דאַכט זיך, קלאָר —
איז שוין גלייכער נישט אָנצוהייבן.
שוין בעסער דערציילן, אויף מיר אַזאַ יאָר,
אַזוינס, וואָס סע לאָזט זיך ערשט גלייבן.

איר זאָגט, אַז דער אמת איז שענער פון אַלץ?
אויף דער רגע קען זיך עס דאַכטן.
נאָר פּונקט ווי יויך דאַרף פאַרבראָקעכץ און זאַלץ,
דאַרף דער אמת — מע זאָל אים פאַרטראַכטן.

דערצייל איך דאָס, וואָס סע דאַכט זיך בלויז,
און ווייטער — פאַרבייס איך די ליפּן.
איך טראַכט אויך צו, נאָר איך טראַכט נישט אויס,
און מע מעג עפּעס איבערהיפּן.

איך זע נישט קיין גרויסע חכמה דערין —
דערציילן אַ זאַך, ווי זי טרעפט זיך.
ערשט דאָס, וואָס סע טרעפט זיך נישט, איז דאָס געשפּין
אַ מעשה צונויפצוהעפטן.

אַ מעשה ווי זי איז געשען — און גאָר?
וואָס זשע דאַרף מען זי איבערדערציילן?
דאָס פאַרטראַכטע גיט ערשט דער ענגער וואָר
מיט אַ מאָל עפּעס בייע איילן.

אַהער, אַהין — כ׳על נישט ברייען קיין סך,
כ׳על עס דווקא מאַכן בקיצור.
און ווער סע זאָגט: ס׳איז אויסגעטראַכט,
אים קען איך מיט גאָרנישט מער ניצן.

איז אָט: יענער פעטער פון דורות צוריק,
מיטן פּעקל און מיטן פלעקל,
פלעגט אָנשפּאַרן, רייטנדיק, פאָרנדיק,
אין די ווייטסטע וועלטנעקן.

ער האָט איין מאָל אָט־אָט יענעם טייך דערגרייכט,
וואָס אַ גאַנצע וואָך וואַרפט ער מיט שטיינער.
נאָר פּלוצעם הערט ער — מע רעדט פון דער הייך:
„יונגעמאַנטשיק, היט דיר די ביינער״.

דאָס האַרץ האָט זיך אין אים אַ צאַפּל געטאָן:
„דער סמבטיון! . . . נאָר כ׳האָב נישט די זכיה
ביי דעם וואָס לעבט פון אייביק אָן —
אַהין צו אָנצוציען.

ווען מע לאָזט מיך כאָטש נאָר טון אַ בליק,
איך זאָל האָבן וואָס צו דערמאַנען . . .״
דאָס קול אָבער וואָרנט: „נאַזאַד . . . צוריק . . .
~~„יונגעמאַנטשיק, היט דיר די ביינער״.~~

גערמאַנטשיק, פאַרנעם זיך פון דאַנען . . .״

ר׳איז נאָך דעמאָלט געווען אַ יונג אַ גבר,
און פאַרמאָגט פון אַ לייב די כוחות,
נאָר ער ווייסט: ס׳איז דאָ איבער אים אַ האַר —
אַז מע פאָלגט אים נישט, איז ער נישט מוחל.

האָט ער באַלד דעם דישל אויסגעדרייט,
פאַרשטאַנען דעם ביטערן צייכן —
און גענומען שפּאַנען פאַרקלעמטערהייט,
וואָס גיכער די היים צו דערגרייכן.

און דאָס האָט געטראָפן דעם פעטער, ווייזט אויס,
נישט איין מאָל, נאָר אויכעט אַ צווייט מאָל.
ער פלעגט דערזיף אַ זיפץ טון בלויז,
און קיין וואָרט מער דערוועגן נישט ריידן.

נאָר איין מאָל קומט פון ערגעץ צו גיין
אַ ייד אין פרינצלעכע בגדים,
און בלייבט פאַר פּיאָטערס פּאַלאַץ שטיין —
און וויל רעדן צום סאַמע אָדון.

ער רייט אויף אַ פערד, וואָס אי ס׳איז אַ פערד,
און אי עפּעס אַנדערש, דאַכט זיך.
מע שטייט און מע גאַפט, נאָך מער ווי מע הערט,
ביז דער ייד ווערט שטיל און פאַרטראַכט זיך.

מע עפנט פאַר אים די טירן ברייט,
ווייל ס׳איז דאָ אויף וואָס צו קוקן:
זיין פנים איז פרינצלעך, נישט נאָר זיין קלייד —
מע מוז אַזש פאַר אים זיך בוקן.

ער טראָגט אַ קרוין, נאָר מע זעט זי נישט.
ער איז שטיל, נאָר מע מוז אים האָרכן.
דער אָדון אַליין איז אויך צעמישט —
און מע הערט פון אים קיין שאָרך נישט.

די יועצים בוקן זיך איינס נאָך איינס,
מע זעט דאָך, אַז סע קומט אים.
זיין לשון אָבער איז נישט צום פאַרשטיין —
און זיי שטייען פאַר שרעק פאַרשטומטע.

דער ייד זאָגט אַ וואָרט, און דער אָדון הערט,
נאָר פאַרשטייט — אַ לאָך פון אַ בייגל.
די עצה־געבערס שטייען, אָן בערד,
און פינטלען שטאַרק מיט די אייגלעך.

דעם אָדונס יוכע רייסט איבער די שטיל:
— „וואָס דערציילט דער זשיד פאַר אַ מעשה?
יועצים, זאָגט מיר וואָס ער וויל —
אויב נישט — וועל איך הייסן אייך שמייסן.

ש'מער כוח אויף אייך און אויף אייערע קעפּ —
סאַראַ וואַזשנע יועצים איר זענט עס.
איך זע ערשט איצט, ווי'ר זענט אויסגעוועפּט,
דאָס פּנים פאַר בושה ברענט מיר . . .”

דער ייד האָט גערעדט, ס'איז קלאָר ווי דער טאָג,
מסתמא אויף תרגום-לשון.
די יועצים, אָבער, פילן די פּלאָג,
און האַלטן אָט־אָט ביי חלשות.

„דו זעסט דאָך, אַז ס'איז אַ יעווריעיסקע פּראָק —
וואָס האָסטו צו אונדז, געקרווינטער?
און די פערד זענען אַלע האַלב פערד און האַלב באָק
אינעם לאַנד, וואָס דאָרטן וואוינט ער.

דו גיב אונדז דריי וואָכן צו לערנען זיין שפּראַך —
מעגסט דערנאָכדעם אונדז שיסן און הענגען.”
און מ'איז תיכף אַוועק, נישט געטראַכט קיין סך,
אַ ייד פונעם יישוב ברענגען.

האָבן בײדע ײדן גערעדט צװישן זיך
אױפֿן װאונק און געציילטע װערטער:
„עֶר ברענגט אַ פּאָר מעשטעס, זײדענע שיך —
פֿון ערגעץ װײטע ערטער.

און די חיה װאָס איז אי באָק אי פּערד —
װעט אים שױן אַהײם נישט טראָגן —
כאָטש זי שלינגט װי הײ די מײלן אױף דר׳ערד,
װי אַ װינט זאָל זי אונטעריאָגן.

ער בלײבט שױן דאָ הי, װײל אַזױ איז באַשערט,
און מע טאָר זיך נישט שטעלן אַקעגן.
קען זײן, אַז מ׳האָט קײן מאָל דאָ נישט געהערט
פֿונעם לאַנד, װאָס בײם סוף פֿון די װעגן? . . .

ער לאָזט איבער דאָס פּערד אָט אים — װעמען דען? —
ער זאָל דינען בײ פּיאָטער װעליקען.
דאָס פּערד װעט װײזן װאָס סע קען —
און די שונאים װעלן פּיקען.

דאָס פּערד קען זײן אַקוראַט װאו מע װיל,
און אַפילו באותו רגע.
דעם סוד דאַרף מען האַלטן דאָרטן װאו ס׳איז שטיל,
און דער עיקר: קײן קשיות נישט פֿרעגן . . .

די מעשטעס, װידער, טוט מען אָן
אױף צו װערן אָן איננו ניראה.
ס׳װעט אין ערגעץ נישט קרײען דערפֿון קײן האָן —
נאָר זאָלסט װײטער פֿרום זיך פֿירן.

אַזױ װי דו האָסט דיך געפֿירט ביז אַהער
איז דעם איבערשטן װאױל געפֿעלן.
די מעשטעס זענען דײן שכר, אױך דאָס פּערד —
און קײנער װעט זײ נישט װעלן.

מ׳עט די מעשטעס נישט זען, נאָר דאָס פערדל אַ מאָל,
און דאָס פערד קען אויבעט פאַרשווינדן.
מ׳עט נאָר זען, ווי פליסט איבער באַרג און טאָל —
נאָך חיונה פאַר ווייב און קינדער״.

* * *

דאָס פערד איז נישטאָ שוין לאַנג, שוין לאַנג.
אַ באַשעפעניש מוז זיך עקן.
דער דומם איז אַנדערש און אָן אַ פאַרגאַנג,
ווייל אים דאַרף די ערד נישט פאַרדעקן.

נאָר פון יענער חיה, האַלב פערד און האַלב באָק,
פאַרמאָג איך אַ טייערן צייכן:
דער לינקער פאָדקאָוועס אַ קאַנטיקן צוואָק —
אין אַ קניפל פאַרקנופט: לזכר . . .

כ׳האָב יאָ, מיר דאַכט, די מעשטעס צוויי,
איך פיל זיי אַ מאָל אויף די פיאַטעס.
אין שווערע שעהען פאַרהיטן זיי,
קיין בייז זאָל מיר נישט שאַטן . . .

די טויב

---- (אַ מתנה לואי מילשטאָקן)

אַז די טויב איז געקומען צו פליען פאַר נאַכט
און געבּרענגט אַ מאַסלינע־בּלעטל —
האָט נח גענומען זי טוליען צו זיך,
און צערטלען זי און גלעטן.

די טויב האָט געציטערט ביי אים אין די הענט,
און אַ מידע פאַרמאַכט די אויגן.
ווען נישט דאָס בּלעטל אין שנעבעלע,
וואָלט זי קוים צו דער תיבה דערפלויגן . . .

. . . סע מבולט נישט מער און סע דונערט נישט מער,
נאָר סע בּליצלט שטיל, זינט סע דעמערט.
— איך בּין אַ שוואַכע, מידע טויב —
ווער העלפט מיר אין מיינע קלעמען?

זי זעט, ווי ווייט דאָס אויג קען זען,
צעיאָגטע, ווילדע אינדן.
די זון, וואָס זעצט זיך דאָ נישט ווייט,
צערייצט זיי און צעצינדט זיי.

אָט־אָט, און די כוחות עקן זיך איר,
אָט נעמען איר שטאַרן די פליגל — — —
פון ערגעץ קומט אַ וואַרעמער ווינט
און נעמט די טויב פאַרוויגן . . .

זי פליט און טוקט זיך אין גוטן ווינט,
און ער בּרענגט זי אַהיים פאַרנאַכטצייט,
וואו נח שטייט מיט פאַרבּראָכענע הענט
און ווייסט נישט וואָס איבערצוטראַכטן.

אין זיבן געציילטע טעג אַרום,
ס׳איז שוין העט נאָך די שווערע רעגנס —
האָט נח ווידער געשיקט די טויב
איבער ווייטע וואַסערוועגן:

— מיין טויב, מיין קרוין, זאָלסט זיין געבענטשט,
פלי ווידער אונטער די הייכן —
און קער זיך אום געזונטערהייט
מיט נאָך אַ פּאָר גרינע צייכנס. —

האָט די טויב געטאָן, וואָס מע הייסט איר טון,
און אויפגעהערט וואָרקען און טרילן.
די ליכטיקע פליגל צעשפּרייט — און אַוועק,
אין אַ קאַיאָר, אַ שטילן.

די שטילע וואַסערן שפּיגלען שטיל
אירע שטילע, ליכטיקע קרייזן.
— איך זאָל נאָר, אײדער דער טאָג פאַרגייט,
אין דער היים זיך ווידער ווייזן . . .

ס׳איז אָבער נישט באַשערט געווען
דער טויב זיך אומצוקערן.
זי האָט פאַרבלאָנדזשעט, ווער ווייסט עס וואו,
און זי לאָזט פון זיך נישט הערן.

וואו קען זי זיין, די שטילע טויב,
ווי קען זי אַזוי זיך זאַמען?
ווי קענען אַזוי פיל ווייטן זיין,
און אַזוי פיל טיפע ימען?

און ביז די טויב באַווייזט זיך נישט
מיט פרישע גרוסן, גרינע —
גייט-אויס דער מענטש פון בענקעניש
און קען זיך קיין רו נישט געפינען . . .

פּרעהיסטאָרישע לאַנדשאַפט

(מלך ראַוויטש — מיט יראת הכבוד)

אַן אָסיענוואַלד. שוין דעם זיבעטן טאָג
אַז סע האַלט אין איין גיסן און פּליוכען.
דער בלינדער למך איז דורכגעווייקט,
און סע קאָכט אין אים די יוכע:

„זיך אַרומגעשלעפּט אַ גאַנצן טאָג —
און מער נישט ווי דריי קורעפּאַטעס.
גיי זיי דערמיט אַ גוטער מאַן,
און זיי אַ געטרייער טאַטע.

אוי, פיר מיך נאָך, קינד מיינס, עטלעכע שעה —
נישטאָ זיך אַהיים וואָס צו איילן.
די ווייבער וועלן מיר וואַרפן אין קאָפּ
דעם בויגן מיט די פיילן.

וואו קענען זיין די פוקסן, וואו,
און די הירשן מיט די האָזן?
דערציייל מיר נישט, אַז דער אָסיענווינט
האָט זיי געמוזט פאַרבלאָזן.

זיי באַהאַלטן זיך אין די לעכער אויס —
דו קוק נאָר גוט, תובל־קין.
מיינע ווייבער, הער איך, שעלטן מיך,
און מיינע קינדער שרייען".

זיי ציטערן ביידע פון שרעק און קעלט,
און זיי וויינען ווי ביבערס ביידע:
„מע וועט אונדז הרגענען אויף טויט,
אַז מ'עט זען: דער וואָגן איז ליידיק".

נאָר אין מיטן געכליפּע דערזעט דאָס קינד —
עק וואַלד, ער גלייבט נישט די אויגן —
אַ הירש! „אוי, טאַטע, גיב זיך אַ ריר,
און צי־אָן דעם פייל־און־בויגן!"

דער פאָטער פאַרנעמט דעם קינדס געשעפטש,
און ער כאַפּט זיך צו די כלי־זיין:
„אַ ברכה אויף דיין געזונטן קאָפּ,
מיין געטרייער זון, תובל־קין".

דאָס קינד דרייט אויס דעם טאַטן אַהין,
וואו אים דאַכט זיך: אַ הירש מיט הערנער.
די פייל שניידט דורך אַ האַלבן וואַלד,
און קאָסעט צווייגן און דערנער.

די פייל האָט געטראָפן — דער הירש טוט אַ פאַל,
אַזש די ערד אונטער אים גיט אַ צאַפּל,
תובל־קינס אויגן טאַנצן פון פרייד,
אויך למכס בלינדע שוואַרצאַפּלען.

תובל־קין שלעפּט דעם פאָטער נאָך זיך:
„קום גיכער, לאָמיר אים בינדן".
ביים הירש דערזעט דאָס קינד די בראָך,
און אויך דער פאָטער, דער בלינדער.

„אוי, טאַטע, אוי, טאַטע, מיר האָבן געמיינט,
אַז ס'איז אַ הירש, אַ חיה —
לסוף איז עס גאָר געווען אַ מענטש —
דער עלטער־זיידע קין".

און למך ווערט פול מיט בלינדער שרעק,
און זי וויל פון אים נישט וועפּן.
ער גיט אַ כליאַפּ מיט ביידע הענט —
און צעפּלעטשעט דעם יינגלס קעפּל.

און למך ווייסט, וואָס ר׳האָט אָפּגעטאָן,
ער ווייסט עס באותו רגע —
דאָס ייִנגל ליגט אויף אים טויט און קאַלט,
אינעם פינצטערן וואַלד און אין רעגן.

און למך הייבט אויף אַ ווילד געוואַי —
נאָר דער וואַלד, דער טויבער און בלינדער,
ער ברענגט אים ערשט אויפן דריטן טאָג
אַהיים, צו די ווייבער און קינדער.

„אוי, עדה מיט צילהן, וואו זענט איר, וואו?
גיטס אַ קוק, מייִנע ווייבער ביידע —
מיט די אייגענע הענט דערהרגעט מיין קינד,
און מיין טייערן עלטער־זיידן".

און למך גיט אַ פאַל צו דער ערד,
אַזוי ווי אַ זאַק מיט שטיינער.
נאָר זיין בלינד געוויין און זיין שטום געוואַי
פאַרנעמט נישט קיינער, קיינער . . .

געהערט אַ מאָל . . .

געהערט אַ מאָל, אַז ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפענעם יישוב
האָט געלעבט אַ שוחט, וואָס מ׳האָט געשמועסט, אַז ער אַליין ווייס נישט
פון וואַנען ער קומט עס אַהין און ווי ס׳האָט געהייסן זיין טאַטע.
די מאַמע, דאָס אייִנע געדענקט ער, האָט אים אַריבערגעשמוגלט
אַריבער אַ גרענעץ פון ערגעץ קיין ערגעץ — און דאָרט האָבן יידן
ווי עפּעס געוואָרט אויף אים, און צו זיך אים גענומען — ווייל דעמאָלט
פלעגן אַרומגיין כאַפּערס און כאַפּן קינדער פאַר פאָניען . . .

מ׳האָט געפונען איינגעניט אין זיין אייבערשטן מלבוש אַ סידור —
און ער, נאָך אַ קליינטשיקס, געקענט שוין דעם אלף-בית ווי אַ וואַסער.
דעם נאָמען זיינעם געדענקט ער — אברהם — און מער טאָקע גאָרנישט.

איז יענער אברהם, דערציילט מען, אַז ער פלעגט באַדאַרפן צוגיין
און שעכטן אַ גסה, ווער שמועסט נאָך אַ קעלבל, אפילו אַן עוף נאָר,
איז פלעגט ער זיך תמיד באַגיסן מיט טרערן, מיט גרויס געכליפע:
פאַר וואָס, פאַר וואָס איז דער מענטש מצווה געוואָרן צו שעכטן?
און ווען וועט מען שוין אַ מאָל דערגיין צו יענער מדרגה,
וואָס מלאכים פאַרנעמען, כפי לויט סע ווערט דערמאָנט אין די ספרים?
און ווי לאַנג, ווי לאַנג וועט נאָך נעמען ביז יענעם לעתיד לבוא,
וואָס דעמאָלט וועט מען נישט דאַרפן מער איינע די אַנדערע עסן? . . .

ר׳האָט נישט משיג געווען, אַז דעם אייבערשטנס דרכים בלייבן פאַרבאָרגן;
נישט געפונען דערין קיין שכל, דער מענטש זאָל זיך קענען כאָטש שטויסן;
נישט געקענט באַנעמען דעם מאָדנעם געדאַנק, אַז גראָד מיט דער שחיטה,
מיט דער ברכה איז מען מתקן דאָס נפש פון דער בהמה — — —

האָט ער אָפּגעלעבט אַ לעבן אין שטענדיקער מרה־שחורה,
נאָר קיינעם קיין וואָרט נישט געדאַכט פון די ספקות, וואָס פלעגן אים עסן
ווי לויגן, און זידן אין מוח — אַזוי ביז ר׳איז נפטר געוואָרן.

* * *

דער שוחט איז לאַנג שוין נישטאָ און מ׳האָט שוין פאַרגעסן זיין זיכר . . .
ס׳איז געבליבן נאָך אים די מעשה, מיר זאָלן זי הערן און טייטשן,
און קוים אַ פאַרבלאָנדזשעטער ניצוץ פון יענעם פאַרוואָגלטן חלום . . .

שלאָף און טויט

(שינה אחד משׂשים במיתה — ברכות נ״ז, ב׳)

דער שלאָף איז אַ טייל פונעם טויט,
צווישןביידע — אַ טיפע סמיכות.
דער שלאָף איז מיט חלום בלוי —
און ער ווערט דורכן חלום מיר ניחאר.

סאַראַ ניסים דער חלום באַווייזט!
ער מאַכט לעבעדיק לאַנגסטיקע שאָטנס,
וואָס אין זיי, ווי׳ן אַ ליכטיקן קרייז,
וואָלט איך וועלן אַריינגעראָטן.

דער חלום איז גינציק צו מיר,
נישט באַכצוזאָגן די חסדים.
וואָס דער טאָג צעשלעפּט און צעפירט,
פאַרבינדט ער מיט דין־דינעם פאָדעם.

אַ קאַרשנצווייג ציטערט קוים,
ווי׳ן יאַפּאַנישע אַקוואַרעלן.
ס׳איז אַ צווייג פון אַ שטראַליקן בוים,
וואָס איך וועל אין זיין שאָטן מיך שטעלן.

נישט דערזאָגטע, ווייטע רייד
פליען אָן צו מיין אָפן אויער.
וואַך איך אויף — און אַ סומנע פרייד
נעמט מיך אָן, און אַ ליכטיקער טרויער.

נו, אויב דער שלאָף אַזוי,
די געכאַפּטע איינציקע שעהען —
וועט דער גרויסער שלאָף, דער טויט,
מיר נישט וויזן דאָרט מיינע דאָען? . . .

אַ חלום

כ׳בין אַריין אין אַ וואַלד, מיר דאַכט זיך,
און אַ טויער האָט זיך פאַרמאַכט.
אַרום האָט געשאָרכט און געזשורזשעט
ווי׳ן אַ וואַלד, אין אַן אָנהייב נאַכט.

און פּלוצעם באַווייזט זיך אַ סעודה,
געשטאַלטן אין שלעפּעס — אַ שרעק.
און מע הייבט מיך אויף און מע טראָגט מיך
אין מיטן וואַלד אַוועק.

און מע זעצט זיך אַוועק אין אַן עיגול,
און מע מיינט נישט קיין בייז דערביי —
און מע הייבט מיר אָן איידל דערלאַנגען
געבעקסן און נאַשעריי.

און אויסגעטאָקטע עפּל —
און אָן אַ מינדסטן בלאָט —
נאָר אַ מעסער צו שיילן די פּרוכטן —
האָט קיינער נישט געהאַט.

און אַלע געשטאַלטן אין שלעפּעס
דרייען אויס די קעפּ אומגעריכט,
און פרעגן מיך שיין מיט די אויגן,
צי כ׳האָב נישט קיין מעסער ביי זיך.

נאָר פּלוצעם דערהער איך אין שכנות
אַ פייגעלע טרי־לי־לי —
האָב איך אויפגעמאַכט די אויגן
און דערזען, אַז ס׳איז נאָך פרי.

ברוך אתה

(מלכן — מיט ליבשאַפט)

ברוך אתה,
פֿאַר די מאָרגנטויען,
פֿאַר די הימלבלויען.

פֿאַר די כוואַליעס-ליסקעס אין טייכל,
און פֿאַר זייער ליכטיק קול,
און פֿאַר דער אָפּגעשפּיגלטער וואָלקנוואָל.
און פֿאַרן קוואַלוואַסער,
וואָס איז אין דער אמתן ווייַן,
וואָס קומט צוריק פון מייבעט
צו דער ליכטיקער שייַן,
נאָכדעם ווי גאָט האָט עס געקילט און געקלערט
אין קעלערן, טיף אין דער גוטער ערד.

און פֿאַר דער טאָל-קאָרעטע,
וואָס די בערג שטייען אַרום איר פֿאַרטראַכט;
און פֿאַר די אוצרות, וואָס דער חלום אַנטפּלעקט מיר
ערגעץ אונטערן געצעלט פון דער נאַכט.

און פֿאַר דער פּראַכט פֿון דימענט־פּערל
ביי דער נאַכט אויפֿן שטערן;
און פֿאַרן זוינטל, וואָס זשורזשעט אין די צווייגן
און הייסט שווייגן
ווייל דאָס איז גאָטס אָטעם.

און פֿאַר די צוויטן־בעכערס פֿול מיט געווירצן,
און פֿאַרן שענצטן קלייד — די נאַקעטקייט,
און פֿאַר די טראָפּנס ווערמוט
אפֿילו אין דער זיסטער פֿרייד.

און פֿאַרן ווינט,
וואָס קאַטשעט זיך אויפֿן פֿעלד מיט זאַנגען,
ווי אויף אַ ריזנדיקן איבערבעט,
און פֿאַר דער רעגנזעט.
און פֿאַר די פֿלאַטערלעך חלום,
וואָס איך שפּיל מיך מיט זיי ווי אַ קינד;
און פֿאַר מיינע געקעפּטע פֿאַרלאַנגען.

און פֿאַר טעג, ווי הייסע רייפֿן,
וואָס איך גיי צו מאָל אום אין זיי
מיט טעם־גיהנום אין די שלייפֿן.

פֿאַר אַלץ,
פֿאַר פּיסנעם ברויט,
וואָס איך טונק עס אין טרערנזאַלץ;
און אויך פֿאַרן טויט,
וואָס וואַרט אויף מיר געטריי און וואַרט
זינט מיין ערשטן אָטעם
ביי דער מאַמעס אונטערן האַרץ.

ברוך אתה.

סע טוט נישט ווײ?

אַז איך נעם מיט צוויי שפּיציקע פינגער
און איך גיב אַ צופּ אָפּ אַן אוגערקעלע —
אַן עופּעלע פון אַ טאָג מיט אַ האַלבן —
און איך רײַס עס אַוועק פון דער מאַמעס ברוסט,
און איך זײַער עס אין איבערגעזאַלצענע וואַסערן,
מיט פעפער און מיט קריפּ —
ווי איך האָב ליב,
און די כלערלײַ געווירצן און ליגן
בלינדיקן
און עסן אויס דעם עופּעלע די אויגן,
די האַלב געעפנטע —
זאָל איך זאָגן, אַז סע טוט אים נישט ווײ?

און אַז איך פּליק פונאַנדער אַ סיאַם־צווילינג
פון צוויי פלוימען,
צונויפגעוואַקסענע מיט די גאַנצע בײַכער,
צונויפגעפּאָרטע ווער ווייסט פון ווען,
און איך פאַרזוך אַ ביס,
און איך כאַפּ התפּעלות
פונעם ראַפינירטן טעם פון פלוימענפלייש —
(ווי לאַנג איז,
אַז איר זענט געווען צוויי צוויטן,

און דער ווינט האָט אייך געבראַכט בלומענשטויבן
פון אַ צווייטן בוים?)
און איך קום צו צום קערל,
צו דער ביינערנער שייד, וואו ס׳הערצעלע קלאַפּט —
און איך וויל דעם ביטער־זיסן סם־החיים,
וואָס ליגט אין סאַמע הערצל —
מיט די ציין איז אָבער אַ סכנה דאָס שיידל צו צעקנאַקן —
מע קען זיך אויסברעכן אַ צאָן —
נעם איך באַזאַכט דאָס קערל
און צעקנאַק עס מיט איין זעץ מיטן האַמער,
און איך נעם אַרויס פונעם צעקרישלטן שיידל
די יאָדער, די מאַנדל פון דער פלוים, דאָס הערצל,
און איך נעם עס כראָמטשקען מיט די באַקציינער,
פונקט אַזוי ווי אַ וואַלד־חזיר —
זאָל איך זאָגן, אַז דער פלוים טוט עס נישט וויי?

(קאַניבאַלן פלעגן אַזוי עסן,
אויפעסן זייער שונא,
און פלעגן אין זיך אַריינבעמען זיינע גבורהשקייטן).

און אַז איך ביים שטיקער אבר־מן־החי
פון דער באַנאַנעס פּוטער־פּולקע —
זאָל איך זאָגן, אַז סע טוט איר נישט וויי?

און אַז איך שנייד פונעם אַרבוז
רויטע, בלוטיקע שטיקער פלייש,
וואָס איז באַשאָטן מיט מעלעץ,
מיט זיס זאַלץ —
און דאָס בלוט זיינס גיסט זיך מיר איבערן מויל
און פאַרגיסט מיר דאָס ווייסע העמד, דאָס געפּרעסטע —
קען דען זיין, אַז סע זאָל אים ניט וויי טון?

און אַז איך צעבייס דער באַר אויף צווייען דעם בויך,
און איך פיל, ווי דאָס בלוט אירס
רינט מיר צווישן די פינגער
און איך לעק עס מיר אָפּ מיט די ליפּן —
טוט איר טאַקע נישט וויי?

(דאָס קערלעכהייזל פון דער באַר צעקיי איך גוט —
איך סמאָטשקע אויס דאָס לעצטע ביסל זאַפט דערפון,
און דאָס איבערבלייבעכץ שפּיי איך אויס אין מיסט).

און אַז איך שטעך אַריין אַ מעסערשפּיץ
אינעם בויך פון אַ פּאָמידאָר —
און מאַך אים די זאַך,
און זיין אינגעווייד בעמט זיך צעגיסן —
טוט אים נישט וויי?

און אַז איך בייס אָפּ דעם עפּל אַ באַק,
אַ רויטע, אַ באַחנטע,
וואָס ס׳איז געווען אַ תּענוג זיך אין איר צו שפּיגלען,
און איך פיל זיין הייס, זויער בלוט אויפן גומען —
זאָל איך זאָגן, אַז סע טוט אים נישט וויי?

און די פּערעשקע, — אוי, וואָס איך טו איר!
און — וויי מיר נישט! — פאַר וועלכע חטאים קומט עס איר?
איידער איך עס זי אויף
שייל איך איר אָפּ די סאַמעטהויט,
וואָס זי איז ווי די סאַמעטהויט פון אַ קינדעריש בעקל.
קען עס זיין, אַז איר זאָל עס נישט וויי טון?

און אַ מאָל, אַז ס׳איז מיר גאָר גוט,
פאַרגין איך מיר אַן אמת׳ע אָרגיע:
איך מיש דאָס פעטע פלייש פון דער טייטל
מיט דער ניר פון דער נוס —

און מאַך מיר המן-טאַשן —
און איך פּאַרטרינק מיט אַ בעכער טרויבנבלוט,
אמת טרויבנבלוט,
און איך ווינטש די שונאים אַ וויסטע, פינצטערע מפּלה.
אָבער טוט עס זיי קיינס נישט וויי?

מיר דאַכט זיך,
אַז די גרינסן אין טעלער ציטערן און צאַפּלען
בשעת איך שטעך זיי אויף אויפן גאָפּל.

און דאָס קערשעלע, צי די אַזשענע,
אַז איך קוועטש זיי צו מיט דער צונג צום גומען,
קענען זיי מער נישט אויסהאַלטן,
און גיבן אַ לעצטן קוויטש —
און שטאַרבן פּלאַצנדיק.

און אפילו דאָס ווייסע לייב פון פריש געטעסעטע קלעצער
ווײנט דאָך מיט געדיכטע, קלעפּיקע טרערן —
און שרייט צו גאָט.

דער צומח פילט נישט גאָרנישט — און פאַרטיק?
דער פּרי טוט גאָרנישט וויי,
און דעם גרינס,
און דעם מינדסטן גרעזל?
באשר־בכן,
ווייל אַזוי האָט דער מענטש אָפּגעפּסקנט
מיט זיין פאַרריסענער חכמה?

אויף אַ באַרגיקער סטעזשקע נאָך שקיעה

אַ ביימל, ווי אַ מאָדנע גרויסער פויגלקאָפּ,
האָט זיך אַראָפּגעבויגן,
געוואָרן גאָר אַ לעכעריקער פייערטאָפּ,
און מיר געבלענדט די אויגן.

אַ ווינטל האָט פון ערגעץ אָנגעיאָגט,
געיישובט זיך: צי יאָ, צי נישט צו בלאָזן.
דערמאָנענישן וויגן מיך ווי אויף אַ וואָג,
און שויבערן מיר מיינע חלום־גראָזן.

ווי עמעץ וואָלט געצילעוועט אַ שטיין —
איז פאַר דער נאָז אַ פלעדערמויז פאַרבייגעפלויגן.
איך קוויטש, צי איך געוויין,
האָט מיר אויף אַ מינוט דעם אָטעם אויסגעזויגן.

און די לבנה איז אַרויס פאַרשמאַכט,
זי טראָגט אַרום דעם האַלדז אַ דינעם שאַליק.
אַ גאַנצע נאַכט
וועט זי זיך מאַטערן און שטראַלן.

אַ לעצטער וואָלקן ווייטיקט, מיט אַ שפּיז אין האַלדז.
טשיקאַווע, וואָס פון אים וועט אין אַ רגע ווערן.
די צערעוואַניע אָונט ווערט געדיכטער אַלץ,
און ערגעץ צינדן זיך די ערשטע שטערן.

בוקאָווינער לאַנדשאַפטן

I.

אַ ווינטל־האַנטעך ווישט און ווישט
דער לופט די מוטנע שויבן.
נאָך העט פאַר טאָג האָט עמעצער
דעם הימל אויפגעהויבן.

אַן אָפּגעטינקעוועטע וואַנט,
נאָך גייט פֿון איר אַ פּאַרע —
איז עפּעס גדולדיק ביי זיך:
זי האָט דעם הימלס מראה.

צוויי שוואַלבן האָבן דורכגעבליצט,
ווי ליכטיקדיקע פֿיילן.
מסתמא וויסן זיי פֿאַר וואָס
מע דאַרף אַזוי זיך איילן.

אַ צויקע ליגט צעלייגט אין שטרוי
און טויקעט אירע הינטלעך.
פֿון אַלע זייטן וועקן זיך
מחייהדיקע ווינטלעך.

אַ פֿויגל אויף אַ הויכן צווייג,
ווי נאָך פֿון פֿאַר אַ יאָרן,
דערלאַנגט אַ קוויטש — און הערט זיך צו
צי ענטפֿערט נישט די פּאָר אים.

דאָס פֿעלד אַנטבלויזט די בערגלעך — בריסט,
די לאָנקע — אירע דיכן.
די בושלנעסטן גרייטן זיך
אויף גרויסע געסט אין גיכן.

מע זעט שוין אויפֿן האָריזאָנט
אַ פֿערד אַ סאָכע ציען . . .
די ערד דעקט אָפּ איר גוטן שויס
און קוקט אַרויס אויף זריעה.

צוויי ווייטע הענער קרייען וואו —
מע קען באַלד איינס דאָס צווייטע.
די הינער פּאָרפּלען זיך אין זאַמד
און זענען אָנגעברייטע.

די קאַטשקעס גאַגען אויפן שטראָז
אין ריטשקעלעך, וואָס ריבען.
אין שכנות שטייט בעל־גאווהדיק
אַ קאַטשער אויף נאַסיניע.

אַ בייער פלויט באַצירט דעם הויף,
די פרישע ברעטער שמעקן.
אַ גויע פירט אַ ציג צום באָק —
געגנוג זיך אָנגעמעקעט.

אַ שיקסל וויזט זיך אין דער טיר,
דער סטאָן איז איר פאַרהויבן,
און אונטער איר בונדיצעלע —
צוויי צאַפּלדיקע טויבן . . .

II.

ווי אַ ציגיינערטע וואָלט געוואָרפן פּאַסאָליעס —
אַזוי זענען צעוואָרפן די כאַטעס.
אַ גויע קלויבט אין אַ פאַרטעך באַלינגע,
די שפּאַלטן אין די ווענט צו פאַרלאַטען.

אַ צווייטע צעוואַרפט אויף דער סטעזשקע צון איר טויער
אוגערקע־צוויטן —
אַ סגולה,
אַז גאָט זאָל פון נישט־גוטע היטן.

די פאַסאָליע־פעדעם קרייזלען זיך
און האַלדזן די פלויטן —
ווי וויגעלעך, וואו די בעבלעך שלאָפן,
שלעפן זיי צו דער זון די שויטן.

די פאַפּשויעס
בערדלען זיך, און זיי סודען זיך אין וואַקסן.
ווינטלעך קעמען זיי די בלאָנדע בערדלעך,
די פלאַקסן.

די ברוקוועס שמעקן
און די פּרוניעס בלויען.
אויף די פעלדער דרימלען סנאָפּעס
ווי פאַרשטאַרטע גויעס.

דאָ און דאָרטן
וויינט אַ בוים מיט קאַלאַפּאַניע־ טרערן;
זיי גאָלדיקן אויף די צווייגן
ווי לענגלעכיקע פּערל.

קרענצלעך ציבעלע און קנאָבל
טריקענען זיך אונטער די סטריכעס.
אויפן פעלד די שווערלייביקע האַרבוזעס —
קוים וואָס זיי קריכן.

אויף די קרויטן,
מיט זייערע פולע לייבער,
ליגן האַרט ביי דער ערד און פרייכן —
ווי די צייטיקע ווייבער.

די טונקל רויטע קאַלינעס בייגן זיך אַריבער
פונעם צערקוועהויף צום איינציקן געסל.
זייער בלוט איז פאַרקאָוועט געוואָרן
אינעם פריען פרעסטל.

זיי האַרטעווען זיך אויף די נאַקעטע צווייגן
ווי שטיינדלעך,
און הענגען
ביז טיף אין ווינטער אַזוי, געווײנטלעך,

די ליכט טשאַדען אין דער קאַפּליצע —
דער קאָפּ טוט דערפון ווי דעם יויזל.
ער וואָלט פון דאָרט שוין לאַנג אַנטלאָפן,
נאָר ער האַלט זיך נישט אין גרויסן.

אין טייך נישט ווייט ווייקט זיך די קאַנאַפּליע,
מע פּילט ביז אַהער דעם ריח.
אַ באַגרעבעניש דערבענטערט זיך — מע הערט שוין
ווי די באַקלאַגערינס מאַכן געשרייען.

דער גלח מיט די פּעלעכעס טריטלט,
דעם בויך מוז ער וויגן.
אַ שייגעץ מיט אַ דרימבע צווישן די ליפּן
דערזעט אים פֿון דער ווייט און ווערט אַנטשוויגן.

דאָס בלויע הימל־היטל
איז שקאָציש פּאַררוקט אויפֿן צלם־פֿינגער
פֿון דער צערקווע.
די גלעקער הייבן אָן צו קלינגען.

באַרגיקס

אין טאָל — אַ נעפּל־ים.
די ביימער גליווערן אין כוואַליעס ביז די העלדז.
און אפשר זענען זיי אין כוואַליעס אָנגעפּעלצט.
מען זעט די שפּיצן בלויז —
ווי קינדער שטעקן פֿון אַ טייך די קעפּ אַרויס.

סיי ווי,
די זון האָט שוין אַרויסגעזאָגט דעם גזר, מיט פּלאַם:
דו, נעפּל־ים —
פּאַרפּלי! . . .

* * *

דאָס פּעלד איז אויסגעבלימלט, אויסגעגנייט.
אַ פֿויערטע, אין אַ געבלימלט, היימיש קלייד,
געבוקטערהייט,
גייט אום און קלויבט דאָרט עפּעס, נאָר מע מיינט:
אַ שטיקל פּעלד האָט זיך פֿאַרקליינט
און אָנגעהויבן גיין . . .

אַ טייכל אין די בערג

אַ טייכל שלענגלט זיך אין טאָל,
און שפּיגלט באַרג און הייכן.
סע רוט נישט, ביז סע וועט אַ מאָל
דעם ווייטן ים דערגרייכן.

דאָס טייכל רעדט פאַרפּלאָנטערט, גיך,
מיט פּינע אויף די ליפּן,
און קאַנדל־פּערל קרישלען זיך
אויף זיינע שטיינעררי פּן.

אין מיטן טייכל, פּונקט אין פלייץ —
אַ שטיין, סטאַפּאַם, פאַרגליווערט.
דאָס טייכל, וואָס איז דאָרט צעשפּרייט,
אַנטלויפט און לאָזט אים איבער.

דאָס טייכל היפּעט באַרוועס אום
אויף מאָכיק נאַסע שטיינער,
און וואו ס׳איז גליטשיק, פאַלט עס קרום,
און בלייבט נישט ליגן קיין מאָל.

די כוואַליעס שוימען אין געאייל,
מע מיינט אַזש אַז זיי זידן.
און טייל מאָל דאַכט זיך אויף אַ וויל:
דאָרט קלימפּערט ווער אַ לידל.

די שוימען זעען אויס ווי שוים
אויף מילך, אַט ערשט געמאָלקן —
זיי ציטערן און לעבן קוים,
ווי פּוך ביים זוים פון וואָלקנס . . .

פאָלקסמאָטיוו

(פון אַ פרעמדן קוואַל)

כלה, כלהניו, וויין זשע, שטיי נישט אַזוי פאַרטראַכט —
ווייסט דאָך וואויל, אַז דאָס איז דיין חופה־נאַכט.

הער נאָר ווי מע באַזינגט דיך, אַלע זינגען מיט,
נאָר דיין געטרייע מוטער זעט מען ניט.

גיב אַ קוק אין פענצטער, גיב אַ קוק צו דער טיר,
צי קומט נישט דיין אָפּגעשיידטע מאַמע צו דיר.

אפשר האָט זי פאַרלאָזט איר קבר און איר רו,
און זי פרעגט ביי אַלעמען: וואו איז מיין טעכטערל, וואו?

לאָמיר נעמען אַ פעדער און איר שרייבן אַ בריוו,
בעטן, זי זאָל אַרויס פון איר קבר־טיף.

גייט אַוועק אַ שעה, גייט אַוועק נאָך אַ שעה,
נאָר די אָפּגעשיידטע מאַמע איז אַלץ נישטאָ.

טאָכטער מיינע, איך וועל קומען צו דיר אַ מאָל —
ווען די בערג וועלן ווערן גלייך מיטן טאָל . . .

פון אַ בריוו

„......איך פלעג אויך אין מיינע יונגע יאָרן
שרייבן לידער — עטלעכע אפילו
האָב איך שטיל צעשיקט אין רעדאַקציאָנען,
און געוואַרט, געוואַרט, און כ׳וואַרט נאָך איצטער . . .
סיי ווי, כ׳האָב דערזען אַז פון דערינען
קען מען נישט פאַרדינען אויף חיונה —
האָב איך עס ביי צייטנס אויפגעגעבן.

זאָג זשע מיר דערפאַר אַציִנד דעם אמת:
פון די לידער האָסטו עפּעס כאַטשבע,
צי זיי עסן אויף, וואָס דו פאַרדינסט גאָר?
אויב די וואַרהייט איז, אַז דו דערלייגסט נאָך
לידער דיינע — קומט דיר מלכות,
לייגסט אַריין דעם גאַנצן דאַברע־מזל
אינעם שרייבן לידער — לויט מע שרייבט מיר.
מילא, ס׳וואָלט געווען אַ האַלבע צרה —
קלויבסטו נאָך די שרייבעכצער אין ביכער,
און דו האַלטסט שוין, הער איך, איצט ביים זעקסטן.
שטייט דען אַ נישט־גוטער און ער צווינגט דיך?

וואָלט מען כאָטש געקויפט ביי דיר די ביכער
און ס׳וואָלט נישט געווען קיין הפסד־ממון —
וואָלט איך נאָך פאַרשטאַנען דיין מאַנקאַליע.

זאָג מיר בנאמנות, אָן קאַטאָוועס:
האָסט די פריערדיקע ביכער דיינע
שוין פאַרקויפט, וואָס איצטער שרייבסטו פרישע?

ווי, מען דאַרף אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער
אָט די אַלע לידער אויסצוטראַכטן,
און דערנאָך צו מאַכן פון זיי ביכער.
זאָג מיר וואו דו נעמסט אַזוי פיל כוח —
ביסט דאָך נישט קיין גיבור, לויט כ׳געדענק דיך.

האָסט פאַרגעסן וואָס דער רבי זאָגטע
נאָך אין חדר, אַז בראשית ברא
האָט צום ערשטן טייטש אַ צווייטן:
פריער דאָס געזונט — און איך בין זיכער,
אַז דאָס לידער־שרייבן קאָסט דיך כוחות,
חוץ דעם איבוד־דמים — ווי דערמאָנט שוין.

פלעגסט אַ מאָל, געדענק איך, קלויבן ווערטלעך —
ס'איז ביי דיר געווען אַזאַ געוואָנהייט
אומצוגיין צעווישן לייט און שרייבן.
מענטשן פלעגן לאַכן און זיך קרימען,
און געמיינט, דו ביסט אַראָפּ פון זינען.
כ'האָב ביסט שוין אַרויס פון אַט דער דומהייט —
און דו קלויבסט דאָלאַרן איידער ווערטלעך . . .
און דו פלעגסט דאָך קלויבן נישט נאָר ווערטלעך,
נאָר אפילו ווערטער פונעם רעדן.
קליינוואַרג פונעם שטעטל פלעגט דיר העלפן —
מ'האָט געריסן פון די מאַמעס שטיקער,
און מ'האָט דיר געבראַכט צו טראָגן ווערטלעך,
באָבע-מעשות, וויים איך דאָרטן, שמאָנצעס —
אַלץ, וואָס מ'האָט שוין, דאַכט זיך, לענגסט פאַרגעסן,
האָסטו רק געקליבן און פאַרשריבן.

איין מאָל, איך געדענק עס נאָך ווי איצטער —
קומט צו לויפן איינער מיט אַן אוצר:
זאָג, אַ פאַרעך און אַ קילע האָסטו? . . .

פונעם בריוו, וואָס כ'האָב פון דיר באַקומען,
זע איך, אַז דיין לשון איז געקליבן,
ריין און קלאָר און אָן קיין דייטשמעריזמען.
זייער פיין. נאָר זעסטו: איך האַלט אַנדערש.
נו, אין דיזן בריוו וועל איך מיך היטן
און נישט ניצן פיל קיין דייטשע ווערטער.
אָבער דאַכט זיך מיר, אַז דייטשער איינוואורף
אין זשאַרגאָן איז פונקט אַזוי מאָראַליש,
ווי אַרמיש איז אין לשון-קודש,
אָדער אין דער דייטשער שפּראַך פראַנצייזיש.

און צום סוף וואָלט איך דיך וועלן פרעגן —
נאָר איך בעט דיך, נעם עס נישט פאַר אומגוט:

מיינסטו טאָקע, אַז אַ צייט וועט קומען,
און די וועלט וועט מיט דיין נאָמען קלינגען,
ווי זי קלינגט, למשל, מיט אַ געטהע,
צי מיט אַ יל״ג, צי מיט אַ שילער?
מילא, אַז דו מיינסט עס טאָקע ערנסט,
האָף איך — דער פון אויבן וועט דיר העלפן . . .״

קאַטאָוועסלעך

איך שלאָג מיך נישט אומזיסט קיין לצנות,
כ׳האָב ליב לצנות — מיט אַ ברעג.
איך טרייב אַזוי — די גאַל זאָל מיר נישט פּלאַצן —
דעם וויסטן אומעט אויף אַ ווייל אַוועק.

* * *

„אַך, דער מענטש איז דאָך שוין ממש ווי אַ חיה —״
מען באַליידיקט גאָר די לייבן מיט די בערן.
לאָמיר בעסער תּפילה טון און שרייען:
גאָט, באַהיט — די חיה זאָל קיין מענטש נישט ווערן . . .

* * *

כ׳קען נישט הערן רעדן שלעכטס אויף דער פרוי.
ס׳איז פונקט ווי רעדן קעגן גאָט אַליין.
מע דאַרף דעם ענין טיפער פאַרשטיין:
גאָט האָט זי נעבעך באַשאַפן אַזוי.

* * *

אַז מע זאָגט מיר: יענער פּלאַפּלט אויף מיר לשון־הרע —
הייבט מיר אָן דאָס פּנים פלאַמען
און זיך אָפּצושיילן.
אָט־אָ ווייס איך וועגן אים דאָס סאַמע ערגסטע ממש —
וועל איך גיין און עמעצן דערציילן?

* * *

איך האָב געקנאָטן ליים

איך האָב געקנאָטן ליים
מיט שווייס און טרערן —
געוואָלט, סע זאָל דערפון אַ פורעם ווערן.

אין ליים,
וואָס וואַלגערט זיך ביי אַלע טירן —
מע קען אַ דופק מיט דער ליפּ דערשפּירן.

האָב איך דעם ליים אַ קוש געטאָן,
געטוליעט זיך דערצו און זיך אין אים גענורעט,
און כ׳האָב אַרויסגעבראַכט אַ פורעם.

האָב איך אַריינגעבלאָזן אין דער פורעם אָטעם,
איך זאָל געבוירן —
און כ׳האָב דעם אָטעם ערגעץ אין דעם ליים פאַרלוירן . . .

דער יריד איז גרויס

מזל, וואָס ביסטו — אַ פייגעלע, אַ מייזל?
מענטשן שטעלן אויף קאָפּקאַניקלעך נאָך דיר.
ניין, די חכמה, וואָס איך האָב געוואָלט באַווייזן,
שטעקט אַרויס אַ לאַנגע צונג און לאַכט פון מיר.

אַז די חכמהניש קען תמיד נאָר גענאַרן,
האָב איך אויסגעפונען ווייט נאָך האַלבן טאָג.
אַ טאַנדעטנע פייפל איז דאָך קיין פאַנפאַר נישט —
נאָר כ׳האָב מיט גענאַרטקייט מיך דערנאָך געיאָגט.

כ׳זוך נאָך אַלץ דאָס מזל־שפּילכל צו געווינען,
און איך וואַרף אין צירק באַרעכנט רינג נאָך רינג.
האָב איך מיר געבויט אַ כאַטע, וואָס דערינען
וואוין איך מיר דערווייל — נאָר ס׳איז מיר ווייט פון גרינג.

אין דער כאַטע שליף איך דימענטן — ליופי,
נאָר כ'האָב קיין מאָל נישט געזוכט פאַר זיי קיין טאָרג.
איך בין נישט קיין סוחר, כ'האָב נישט צו פאַרקויפן.
זאָל דער דימענט לייכטן — דאָס איז נאָר מיין זאָרג.

וואָס זשע איז דער שכל? פרעגט עס מיך בחרם.
לאָמפּן לייכטן דען נישט בעסער ווי אַ שטיין? . . .
ס'איז מיר נאָכנישט קלאָר, איך וועל נאָך אַלץ באַקלערן
און אַ מאָל דעם ענטפער געבן זיך אַליין.

כ'וויל אַז ס'זאָל דער דימענט האָבן קלאָרע שייבלעך,
און ער זאָל נישט בלענדן סתם און גלאַט אַזוי.
זאָל דער רעגן־בויגן זיך דערינען קלייבן —
מע זאָל זאָגן: ס'איז לגוטסקייט און לנוי.

מיר איז נישט צום האַרץ קיין לאָמפּן, קיין צעגליטע.
סיי אַבי אַ לעמפּל איז פאַר מיר גענוג.
לאָמפּן שרעקן מיך און יאָגן מיינע לידער,
און זיי זאָגן אויף דער נאַרישקייט: ס'איז קלוג.

דער יריד איז גרויס, די וועלט איז צען מאָל גרעסער —
ביידע זעען מיך ביט און זיי הערן ניט.
אין דער שטילקייט ליגט אַן אוצר — גאַנצע פעסער,
און זיי וואַרטן דאָרט אויף מיינע שטילע טריט.

אין די פעסער אייביקן פאַרקלערטע טרערן,
ווי פאַרמאַכטע דימענטן אין זאַמדנשטיין,
— און אין מושלשויטן ווי פאַרהילטע פערל —
~~און זיי וואַרטן דאָרט אויף מיינע שטילע טריט.~~
און זיי וואַרטן דאָרט, צי קום איך נישט צו גיין.
טיף אין חלום נידער איך אַ מאָל אַהין צו,
מיט די פינגער ריר איך אָן דעם אוצר קוים —
הייבט זיך אַלצדינג אָן צו וועקן, הייבט אָן פינטלען,
און צו וויגן זיך ווי פון דער טיף צום זוים.

איך האָב שוין געשריבן אפשר טויזנט לידער,
נאָר מיין האַרץ איז אַלץ נאָך דאָרשטיק נאָכן קלאַנג,
וואָס איז שטילער ווי פאַר נאַכט די שאָף, די מידע,
ווען זיי וויגן איין די ערד מיט זייער גאַנג.

אוי, צי וועט זיך ווען מיין זשעדנע וויע זעטן
מיט דער גוטער שיינקייט, וואָס איך זע אַנטפלעקט
ווי אַ לייבלעך עופל צערטל איך און גלעט זי,
און זי פילט מיך אָן מיט שטוין און זיסער שרעק.

זאָל זיך איין מאָל מיר אַנטפלעקן ווי אַ וואונדער
אָט דאָס וואָרט, וואָס כ׳האָב אַזוי דערנאָך געגאַרט.
אין דער טיפער שטילקייט ליגט עס אָפּגעזונדערט,
און מיין בענקשאַפט זאָגט מיר: הער דיך צו און וואַרט.

באַלאַדע פון אַ שטאָטיש גאָטעסהויז

אַז מ׳האָט אָנגעהויבן ווינציקער צו קומען
צו די מעסעס,
און אפילו אין אַ זונטיק, צי׳ן אַ חגא
פלעגט די ליידיקייט אַלץ ווערן גרעסער;

און אַז די וואָס קומען קניען
פלעגט מען קענען ציילן אויף די פינגער —
כאָטש דער גלאָק האָט גאָרנישט אויפגעהערט צו הודיען
און צו קלינגען;

און אַז איין מאָל אין אַ ווייס איך וויפל
ברענגט מען קוים אָן עופעלע צו טויפן, —
איז געבליבן
אַז מע זאָל דאָס גאָטעסהויז פאַרקויפן.

אָבער אַז מע וויל פאַרקויפן דווקא,
טרעפט זיך נישט קיין קונה,
אוי, וואָס טוט מען מיט אַ דירה,
וואָס מע זאָגט, אַז גאָט דאַרף דאָרטן וואוינען?

ביזקל פּלוצעם, וואו אַרומערט דאָרט אַרומערט,
שטייט דאָס גאָטעסהויז און פלאַקערט —
די אילומינירטע שויבן
הערט מען טרישטשען, קנאַקן.

איבערן אַלטאַר, אין העכסטן פענצטער,
שטייט דער יויזל
און אַרום די צוגענאָגלטע פיר גלידער
נעמען זיך די פלאַמען קרויזן.

— אַט דער רויך, געמישט מיט פונקען,
וואָס ער וועט מיך באַלד דערשטיקן,
איז מיר ניחאר ווי די ווייררויכזיילן,
וואָס מע פלעגט צו מיר אַרויפצושיקן.

ברענט מיך, בריט מיך, פלאַמען,
און מיין לייב זאָלט איר מיט צוואַנגען רייסן,
ווי מ׳האָט עס געטאָן מיט לעבעדיקע יידן,
ערגעץ דאָרט און דעמאָלט, אויף צו פלייסן —

און אָוועקגעשטעלט מיין בילד דערביי נאָך
איך זאָל שטיין און קוקן און זאָל שטומען.
גיכער, פלאַמען, שלינגט מיך,
זאָל אַ טראָפּן שטראָף אויף מיר כאָטש קומען. —

און די פלאַמען וויקלען זיך און שלינגען
און פאַרשלינגען אים אין גאַנצן,
און ער זעט אַרום דעם פייער
פינצטערע געשטאַלטן העפּען, טאַנצן . . .

אין שעהען פון שרעק

א.

גיפטיקער גאַז
שלייכט דורך די דינסטע שפּאַלטן,
נישטאָ זיך וואו צו באַהאַלטן.

די סטעליע האָט זיך אויסגעקרימט ווי אַ דאָם.
דער דרויסן
איז מיט אַ נעפּל געלזוכט פאַרצויגן.
דאָס לייב איז מיר אויפגעלאָפן און גרינג
ווי אַ שוואָם.
טשערעפּעס פאַרדעקן מיין גלויבן די אויגן.

די זון, אַ קרענקלעכער פלאַם,
וועט דערקריכן ביזן מיטן הימל —
און וועט אַריינפאַלן אין מיטן ים.
אָדער זי׳ט אַריין
אין אַן אייביקן גסיסה־דרימל.

קולות הער איך,
ווי פון אַ וויטער שיף, וואָס זינקט און ברענט.
דעם קאָפּ
טראָג איך אין די הענט
אין אַ גלעזערנעם גלאָב.

שפּאַקטיוון, ווי אולצערס,
וואַקסן מיר אויפן מוח.
נאָר סע וועט נישט העלפן קיין כוח
און קיין אַנטלויפן.
די פיס טאַנצן אַ פּחד־טאַנץ,
און דער דיל האָט נישט קיין רעסאָנאַנץ.
און דאָס פלאַסטישע האַרץ זעצט ווי מיט טאַצן,
און קען נישט פּלאַצן —
בשום אופן.

ב

איך גיי אום מיט אָפענע, בלינדע אויגן,
וואָס איך קען זיי נישט צומאַכן.
(דער טויט וואָלט מיר געווען ניחאר).
עמעץ קיצלט מיך —
אַ וויסט, גרין געלעכטער מוז איך לאַכן.
ער ציט מיך הינטערווײַלעכץ
און הייסט מיר גיין גיכער.
איך בײַס אים די אָרעמס,
נאָר ער מאַכט זיך נישט וויסן.
די אָרעמס זענען ווי פון האַרטער גומע —
ס׳איז געביסן און נישט געביסן.

איך גיי אום ווי אויף שטאָלצן.
איך האַלט אין איין פאַלן און איך פאַל נישט.
ווי ווייט דאָס אויג קען גרייכן
זע איך נישט קיין וואַנט,
קיין בוים, קיין צייכן.
כ׳קען נישט אַנרירן גאָרנישט מיט מיין אויסגעשטרעקטער
האַנט.
און די ערד אונטער מיר רינט אויס און ווערט צעשמאָלצן.

מיט אַ שפּאָן אויף וואַסער

מיינע לידער זענען ווי געשטראָפטע רינדער,
וואָס זיי זענען זעלטן ווען דעם טאָג, די שיין —
נישט דערפאַר ווייל מיינע חושים זענען בלינדע,
נאָר איך זינג נישט איין מאָל ווי׳ן אַ תהום אַריין.

מיט אַ שפּאָן אויף וואַסער שרייב איך מיינע גראַמען.
ניין, איך שליידער זיי אין קאָפּ אַריין דעם ווינט.
די ירושה, וואָס איך האָב פון טאַטע־מאַמע,
מאַכט מיך זעעוודיק, אפילו איך בין בלינד.

צי אויף וואַסער, צי אויף ווינט — אַ נפקה־מינה!
זאָל אַ צווייטער קריצן מיט אַ דלאָט אויף שטיין.
עמעץ ערגעץ וועט אַ מאָל מיין ליד געפינען,
און צעוויגן זיך דערביי: אַ מלאך ווײַנט . . .

אַ ביטער ליד

כ׳על מיר קויפן אַ קאַטערינע
אין אַ הינטערגאַס, אין אַ לאָמבאַרד,
און אַ קליינע פּאַפּוגע, אַ גרינע,
מיט אַ שנאָבל, פאַרקרימט און פאַרדאַרט.

כ׳על אָנטון פינצטערעברילן
און כ׳על מיך פאַרשטעלן פאַר בלינד,
כאָטש איך ווייס: די הינט וואָס בילן,
וועלן נאָך מער בילן אַצינד.

כ׳על בייטן מיין שפּראַך אויף אַ צווייטער —
מיין שפּראַך האָט שוין מער נישט קיין ווערט.
נו, אַלץ באַוועגט זיך און דרייט זיך
אויפן שפּינדל, וואָס רופט זיך ערד.

איז געגנוג שוין, באָבעס און זיידעס,
און איר טאַטע־מאַמע, אויך —
באַט איך אַפּ אייער ליבלעך גערײדעכץ,
און זאָל קיינעם נישט גרילצן אין בויך.

איך וועל נעמען די קאַטערינע
און אומגיין פון טיר צו טיר,
און די קליינע פּאַפּוגע, די גרינע,
וועט קראַקען אין איינעם מיט מיר.

ס׳עט זיין וואָס צו זען און צו הערן —
כ׳על מיך מאַכן אי טויב, אי בלינד,
און מיינע געשלונגענע טרערן
וועט נישט זען אַפילו דער ווינט . . .

אין ביטערע מינוטן

פאַר וואָס, מאַמע,
האָסטו מיר נישט איבערגעקרישעט די פינגער,
ווען כ׳האָב מיך אָנגעהויבן צו שפּילן
מיט ריטמען און מיט גראַמען ?

בעטלערס בינדן זיך אויף און צו
זייערע וואונדן —
פאַרבעט איך זיי אַריין אין מיין לידעריי.
אַ חידוש, מע גיט אויף מיר אַ שפּיי ?

אַ שיכור אין אַ רינשטאָק ווען איך בין,
אויף אַ גאַסנראָג — אַ קרעציקן,
— אויפן ריינסטן אָרט פון דער וועלט —
וואָלטן זיי זיך אויף אַ רגע אָפּגעשטעלט
אַ קוק טון.

אויף אַ וויסטער וויספּע ערגעץ —
פאַר וואָס בין איך נישט פאַרוואָרפן געוואָרן? —
וואָלט איך נישט אַזוי געפילט אויף מיר
גאַטס צאָרן.

אפשר זאָל איך מיך פאַרשטעלן,
אויפהערן רעדן מיט מיין אייגענער צונג,
אָנהייבן רעדן — כ׳וויים?— לאָז זיין אויף סוואַהילי,
אַבי כ׳זאָל נישט האָבן קיין מורא,
אַז מ׳עט אויף מיר קוקן ווי אויף אַ מצורע.

אַ ליאַדע ווינט פאַרווישט מיך
ווי טריט אויף זאַמד.
כ׳בין אַ קיניג אָן אַ קרוין, אָן אַ לאַנד,
אין מלכות פון מיין טרויערשאַפט.
(אוי, הויכע בערג
פון מיינע פראזנווערק!)

נאָר אויף יענער זייט צעשלעפּטע פלויטן
פאַראַדירן
שיינע לייט מיט הערצער אויסגעהוילטע,
ווי פאַכירן,
פולע מיט ווינט פאַרפוילטן.
איז גוט, וואָס איך דאַרף זיי קיינס נישט חנפענען;
דיך אויך נישט,
גאָט אין דער הויכענישׁ.

אַש פון ווערטער

איך טראָג נישט מיין ליד ווי אַ האָרב —
אַז לייטן זאָלן שאָקלען מיט די קעפּ,
און מען זאָל מיינען,
אַז אָט־אָט נעמען זיי פון גוטהאַרציקייט וויינען.

דאָס ליד איז אַ סמיקער דאָרן,
וואָס איז מיר אַריין אינעם שטראָם פונעם בלוט —
און איז דאָרט פאַרפאַלן געוואָרן.

זוך איך מיר אַ שאָטן אין דער פולער לבנה,
און איך ליריציר —
און איך פאַרדעק דעם ווייטיק
וואָס האָט מיך נישט איין מאָל פונעם זינען געפירט,
מיט אַש פון ווערטער.

ערגעץ פון אַ לאַנד

אויף פּאַרנאַכטן-שיפן קומען מיינע לידער,
ערגעץ פון אַ לאַנד — אַ ווייטס, אַ רעטעניש.
פּאַזע שטילע ברעגן שאַרן זיי זיך מידע
צון אַ ווייטן האַוון, נאָר זיי בלאָנדזשען נישט.

שטורעמס האָבן זיי די זעגלען דורכגעשטאָכן,
אַלע פלאַגן האָבן זיי אויף זיי געבראַכט.
אָבער אויף די מאַסטן דער לאַמטער ביטחון
פליטערט ווי אַ פלעמל אין אַ וויכערנאַכט.

וויכערס, ווייַ, וואו נעמט איר עס אַזוי פיל רישעות ?
פלעמל מיינס ביטחון — זאָג, ווי האַלטסטו אויס?
כ'האָב אין מיר געזאַפּט די שענצטע בענקענישן
פון דער וועלט, וואָס האָט פאַר מיר איר האַרץ אַנטבלויזט.

אַלע בענקענישן האָב איך אויסגעטראָגן,
און זיך דורכגעשלייכט דורך וועלדער פול מיט גרויל.
נאָר אַז כ'האָב דערלעבט די שעה פון אָנהייב טאָגן,
האָט די שרעק מיט שטום געשריי פאַרשפּאַרט מיין מויל.

ליגן מיינע בענקענישן ווי אין קייטן
און זיי רודערן ווי אָדלערס אין אַ שטייג.
איך נעם אָן פאַר ליב די בריטווע פון מיין ווייטיק —
כאָטש איך בייס מיר מיט די ציין דאָס האַרץ — און שווייג.

כ'האָב שוין אויסגעוואַנדערט שליאַכן ווייס איך וויפל,
זינט איך האָב פאַרלאָזט אַ ווייטע שטוב פון ליים —
נאָר איך זוך נאָך אַלץ פאַר מיינע לידערשיפן
אַ געבענטשטן האַוון און אַ שטילע היים.

אין מיין לעצטער רגע — ווער וועט צו מיר קומען ? —
ביי מיין וויגל זיצט די מאַמע און זי טראַכט . . .
כ׳האָב איר מילך נישט אויסגעשפּיגן פון מיין גומען, —
אָט דעם ביטערזיסן האָניק פון איר שפּראַך.

אויף פּאַרנאַכטן-שיפן קומען מיינע לידער,
ערגעץ פון אַ לאַנד — אַ ווייטס, אַ רעטעניש.
פאַזע שטילע ברעגן שאַרן זיי זיך מידע
צון אַ וויטן האַוון, נאָר זיי בלאָנדזשען נישט.

די האַלבע נאַכט, די גוטע הייבאַם

איך חלום איבעם שאָטן פון אַ בוים,
וואָס קעגן נאַכט איז וואו זיין שאָטן הינגעקומען.
נאָך מערער ווי אין שפּיגלדיקן רוים
איז ער מיט וואָרצלען אין דער טיף פאַרדומעט.

אַזוי איז אויך דאָס ליד —
פאַראָדערט טיף אין מיינע שטומעניש׳ן.
די נחלה איז מיר טייער, וואָס איך היט
און וואו איך גראָב און נישטער.

די מילב פאַרלירט די אייעלעך אין מאָך —
זי קען זיי מער נישט טראָגן, דאַכט זיך.
אַזוי האָט אויך דאָס ליד אַ תוך,
אַן אמתן — אַן אויסגעטראַכטן.

אַזוי פיל טרויערשאַפטן גליווערן אויף מיר,
אויף מיינע שמאָלע אַקסלען,
מסתמא האָט מיך עמעצער אַהער געפירט —
איך זאָל דאָ וואַקסן.

פאַרפאַלן. דאָס איז מיין געמיט.
איך האָב נישט עפּעס אַנדערש צו פאַרגלייבן.
די האַלבע נאַכט, די גוטע הייבאַם,
נעמט אָפּ מיין ליד.

ווען נישט ווען

(אַ מתנה — ווערא האָקען)

כ׳האָב אין איין העלפט קאָפּ אַ נעסט מיט שוואַלבן.
כ׳הער זיי ווען נישט ווען אין מיינע נעכט.
נאָר אין צווייטן האַלבן
זידט אַ זומפּ מיט פּעך.

פליט, געטרייע — בעט איך מיינע שוואַלבן —
ברענגט מיר אין די שנאָבלען טרייסטגעזאַנג.
פונעם פּעך, וואָס בולבעט מיר אין קאָפּ, אין האַלבן,
בין איך ביטער קראַנק.

נעמען פליען מיינע שוואַלבן — כ׳קען זיי הערן,
אויף אַ רגע ווערט מיר גרינג און גוט — — —
נאָר זיי ברענגען מיר אַ ליד פון טרערן
און פון בלוט.

בלייב איך אַ צעבראַנדיקטער ווי פריער,
זינקענדיק ווי אין אַ זומפּ מיט פּעך,
נאָר איך הער ווי טשירקענדיקע שוואַלבן ציען
ווען נישט ווען דורך מיינע נעכט . . .

צום ירחיבער יריד

אוי, העלף מיר, גאָט, זיך דערשלעפּן
צום ירחיבער יריד.
די וועגן זענען שווערע —
כ׳זאָל נישט פאַלן אין דער מיט.

די פעלדער זענען פאַרפלייצטע,
דער טייך איז אַרויס פונעם ברעג,
אין די וועלדער לויערן רוצחים —
מיט מעסערס און מיט העק.

איך טראָג אַ טאָרבע מיט לידער,
אַזוי ווי אַ האָרב — אַ באַרג.
לאָמיך קומען מיט מיינע ברידער
קיין ירחיב געזונט און שטאַרק.

וועט זיך טרעפן קען זיין אַ קונה,
זאָל זיין שוין נאָכן יריד,
וואָס וועט זאָגן: „דיין סחורה געפעלט מיר,
נאָר קיין כסף האָב איך ניט".

וועל איך זאָגן: „דו נאַרישער מענטש דו,
ווער דאַרף דיין ביסל מינץ?
דיינע עטלעכע וואַרעמע ווערטער
זענען מער ווי דאָס גרעסטע געווינס".

נאָר אין האַרץ ביי מיר וועל איך וויינען:
פאַרכאַפּט זאָלסטו ווערן, דו יאָלד! . . .
כ'וויל דאָך קלויבן אַ זאַק מיט קליינגעלט —
זיך צו קויפן א פּעסעלע גאָלד.

און דאָס גאָלד זאָל איך קענען צעטיילן —
אַ העלפט צווישן אָרעמעלייט,
און אַ העלפט צווישן מיר און אַלע,
וואָס קומען קיין ירחיב פון ווייט.

איך דאַרף דאָס געלט אויף כפרות,
נאָר כ'וויל אַרויס אויף דער וועלט.
און זוכן מנוחת־הנפש, —
ביז דער לעצטער פּרוטה געלט.

וואו זוכט מען מנוחת־הנפש ?
איך זאָל אַזוי וויסן פון בייז.
נאָר איך פיל, אַז מיר עקט זיך דאָס לעבן —
און דער פון אויבן ווייסט . . .

אַן אַלטמאָדיש ליד

כ׳על מיך לאָזן איבער ווייטסטע וועגן —
זוכן אירן כאַטש אַ מינדסטן סליד.
און ביי אַלע זוינטן וועל איך פרעגן,
ווער סע ברענגט איר אָטעם אין מיין ליד.

כ׳על מיך לאָזן אין די ווייטסטע לענדער —
ביזן צפון פון אַ וויסטן לאַנד —
וואו ס׳האָט זי געפאַנגען אַ פאַרלענדער,
און פון דאָרטן גיט זי מיר די האַנט . . .

כ׳האָב נישט אויפגעהערט אין איר צו גלייבן,
און איך גלייב, אַז אין מיין לעצטן גאַנג
וועט זי מיך דערפרייען און דערהייבן
מיט אַן איינציק וואָרט, כאָטש מיט אַ קלאַנג.

יאָ, איך גלייב, אַז אין דער לעצטער רגע
וועט זי לעבן מיין צוקאָפּנס שטיין,
און כ׳על טראַכטן: איך האָב זי באַגעגנט
נאָך אַ לעבן עלנט און אַליין . . .

ווי אַ ציגעלע ביי אַ שטאַכעט

דאָס ליד איז אין מיר געפאַנגען
ווי אַ ציגעלע ביי אַ שטאַכעט,
און סע מעקעט דורך מיינע ליפּן —
אָט ווי איך אַליין וואָלט גערעדט.

דאָס ציגעלע בענקט, דאָס ווייס איך,
צו בענקען איז דאָ נאָך וואָס.
פון צו פיל בענקשאַפט ווערט עס
צו מאָל אַזוי דין ווי אַ בלאָז.

פאַראַנען לאַנקעס, און ווערבעס,
פאַראַנען — סע האָט דען אַ שיעור?
מיך באַשלאָגן אַנגסטן, ווען כ׳הער נאָר
ווי דאָס ציגעלע וויינט אין מיר.

אַ ציגעלע קען נישט וויינען?
אוי, מאַכט זיך נישט צום נאַר.
אין אַ ציגעלעס שטילע אויגן
קען מען זען אַ ים מיט צער.

נישט ווייט, צווישן בערג און טאָלן,
איז דאָס גראָז באַשפּרענקלט מיט טוי.
זאָל איך לאָזן דאָס ציגעלע לויפן
ווי סע שטייט און גייט אַזוי?

מע טאָר נישט אַ ציגעלע לאָזן
אויף הפקר אַ גאַנצן טאָג.
דו ווייסט גאָר נישט, ציגעלע טייערס,
וויפל רישעות די וועלט פאַרמאָגט.

כ׳על דיר אָנטאָן גראָמען־לייצן —
זאָלסט אין פרעמדע גערטנער נישט גיין.
כ׳על דיך פענטען, נאָר ס׳עט דיר נישט וויי טון —
פאַרקערט, ס׳וועט דיר צוגעבן חן.

ביסט דאָך מיינס אַ לייבלעך בעקל —
זאָלסטו זיין ווי איך אַזוי שטיל.
כ׳וועל דיך פירן וואוהין דו וועסט וועלן,
נאָר מע טאָר נישט גיין וואו מע וויל.

אויף אַ לאַנקע אומעט

ווער האָט אויפגעציליעט אויף די גראָזן טויען־פּערל ?
אַלע ווייסן, אַז דאָס זיינען דאָך אַ מלאכס טרערן.

איך בין שיכור — ווי מיט גוטן אָקעוויט — מיט טרויער.
מיט די אויגן זוך איך אַלץ נאָך אין די ווייטע בלויען.

כ׳בין אַ פּאַסטעכל, וואָס טרויערט אויף אַ לאַנקע אומעט
אויף זיין איינציק שעפּעלע, וואָס איז אים אומגעקומען.

קומט דער אָוונט, בעט ער מיך צו זיך אין די געצעלטן,
און סע עפענען זיך פאַר מיר אַנדערשדיקע וועלטן —

עמעץ האָט מיך אמת ליב און קילט מיר מיינע וואונדן —
און כ׳הייב ווידער אָן צו גלייבן, אַז סע טרעפן וואונדער.

עמעץ קומט און עפנט פאַר מיר ליכטיקדיקע טירן,
ביי מיין מינדסטן פינגער צו מיין שעפּעלע מיך פירן . . .

איין גאָט ווייסט

גיב מיר אַ פּאַדראָזשנע בלעטל,
מאַמעשי געטרייע.
כ׳האָב אַ בלאָטער, אַ פאַרלאָזטן —
ברענט ער מיך ווי פייער.

גיב מיר, מאַמעשי, אַ פּראָשיק,
ווייל כ׳על באַלד מיך עקן.
און אַ קאָלדערע — מיך דראָזשעט,
כ׳וויל מיך איבערדעקן.

אָבער ס׳איז נישטאָ קיין היילונג
צו מיין האַרץ מיט פּלאָגן.
איין גאָט ווייסט, צי כ׳על עס קענען
ביז צום טויט דערטראָגן .

דעם טאָג אַרויסבאַלייטן

איך בין אַוועק אין פעלד פאַר נאַכט
דעם טאָג אַרויסבאַלייטן.
אַ וואָלקן, וואָס כ׳האָב נאָכגעטראַכט,
האָט מיר געגומען ווי טון.

אָט ווי דער וואָלקן פליט אַצינד
און ווי די ווינטלעך שוועבן —
אַזוי פאַרפליט, אַזוי פאַרשווינדט
דער וואָלקן פון מיין לעבן.

דער ווינט ווערט מיד און דרימלט איין.
נאָר אין מיין האַרץ דער אומעט
דערוואַכט ביים ערשטן שטערנשיין
און נעמט די וועלט אַרומעט.

ער וואַרעמט מיך, אַז מיר איז קאַלט,
און נעמט חלומות וועבן — — — —
ער ווערט נישט מיד און ווערט נישט אַלט,
און וועט מיך איבערלעבן . . .

צווישן צוויי טאָוולען

כ׳האָב אַריינגעלייגט די לידער
צווישן צוויי טאָוולען,
ווי אין אַן אָרון —
און כ׳האָב מיך אַוועקגעזעצט, אַ מידער,
אָבלען
נאָך מיינע צענטרענצלטע יאָרן.

תוכן:

לידער פאַרן שטערן-וואָגן

פיר מיך, חלום, פיר — 3
שטילע בלענדענישן — 5
שם במקום ארזים — 5
הערשל גאַרבער — 8
צוויי מומעס — 10
דער זיידע הערשל — 11
דאָס פוטער-יידל — 13
די מומע אסתר — 14
צוויי מטושטשע געשטאלטן — 16
די מויד, די שיינע — 21
דער ליפּאָוואַן — 22
די שטילסטע פון אַלע שטילע — 23
דאָס פערדל — 24

חצות

חצות — 25
אפתחה פי — 32
יאָרצייט — 33
ביימעלע מיט אויפגעבליטע גלידער — 38

איך טראַכט נישט אויס

ברוך איציק — 39
דער בעש"ט און אַלעקסע אין מיטן וואַלד — 49
איך טראַכט נישט אויס — 52
די טויב — 59
פּרעהיסטאָרישע לאַנדשאַפט — 61
געהערט אַ מאָל — 63
שלאָף און טויט — 65
אַ חלום — 56
ברוך אתה — 67
סע טוט נישט וויי? — 69

אויף אַ באַרגיקער סטעזשקע — 73
בוקאָווינער לאַנדשאַפטן — 73
באַרגיקס — 77
אַ טײַכל אין די בערג — 78
פאָלקסמאָטיוו — 79
פון אַ בריוו — 79
קאַטאָוועסלעך — 82

אין ביטערע מינוטן

איך האָב געקנאָטן לײם — 83
דער יריד איז גרויס — 83
באַלאַדע פון אַ שטאָטיש גאַטעסהויז — 85
אין שעהען פון שרעק — 87
אַ ביטער ליד — 89
אין ביטערע מינוטן — 90
אַש פון ווערטער — 91
ערגעץ פון אַ לאַנד — 92
די האַלבע נאַכט, די גוטע הײבאַם — 93
ווען נישט ווען — 94
צום ירחיבער יריד — 94
אַן אַלטמאָדיש ליד — 96
ווי אַ ציגעלע בײַ אַ שטאַכעט — 96
אויף אַ לאָנקע אומעט — 98
איין גאַט ווייסט — 98
דעם טאָג אַרויסבאַלייטן — 99
צווישן צוויי טאָוולען — 99

פונעם אייגענעם מחבר:

אַ סטעזשקע (לידער), מאָנטרעאַל, 1940
איך קום אַהיים (לידער), מאָנטרעאַל, 1963
אויף מיין פידעלע ליד (לידער), מאָנטרעאַל, 1966
דער שטערן־וואָגן (לידער), מאָנטרעאַל, 1968
אַ רגע דאַכטעניש (לידער), מאָנטרעאַל, 1969